STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10860

# GEZAMELTE LIDER

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געזאַמעלטע לידער.

## פּאָעזיע פון 20־טן יאָרהונדערט

אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג
„יידישע בילדער"

רעדאַגירט פון שלמה פראַנק.

פּרייז 15 מאַרק.

# אינהאלט:


| | | |
|---|---|---|
| .1 | האַף און גלויב | — י. ל. פּרץ |
| .2 | טרייסט | — " |
| .3 | בית־עולם־שטילקייטן | — איציק מאַנגער |
| .4 | זילבער | — " |
| .5 | דער העלפער | — " |
| .6 | צום בראַצלאַווערס „זיבעטן בעטלער" | — " |
| .7 | ב־וגז | — " |
| .8 | טויטן טאַנגאָ | — מ. גראָסמאַן |
| .9 | דאָס ליד פון נצחון | — אברהם זאַק |
| .10 | איצטער (פראַגמענטן פון אַ פּאָעמע) | — ז. סעגאַלאָוויטש |
| .11 | מיט חלומים (פראַגמענט) | — יצחק קאַצענעלסאָן |
| .12 | אויף דער שחיטה | — חיים נחמן ביאַליק |
| .13 | דער טויטער שיפער | — דוד איינהאָרן |
| .14 | דער מאַמעס צוואה (פראַגמענט) | — חיים גראַדע |
| .15 | ער . . . | — " |
| .16 | צו דער ערד (ב. טענענבוים) | — יידיש, חיים גראַדע |
| .17 | אַזוי איז עס | — א. לעיעלעס |
| .18 | אָן רחמנות | — " |
| .19 | אין אַ צייט אַזאַ | — מרדכי יאַפע |
| .20 | איך | — " |
| .21 | קידוש־לבנה | — נחום באַמזע |
| .22 | היים | — " |
| .23 | איך האָב געמאָסטן (ב. טענענבוים) | — יידיש, נחום באַמזע |
| .24 | אכט שורות | — יצחק פּערלאָוו |
| .25 | שארית־הפליטה | — " |

26. אונדזער דור — ב. י. ביאלאסטאצקי
27. הנה מה טוב — אפרים אויערבאך
28. ליו וועגן א הערינג — א. סוצקעווער
29. ערב פרייהייט — דוד וואָלפע
80. שארית־הפליטה — „
31. נשמה לעך — ראובן מאטים
32. פרילינג — „
33. דערמאנונג — „
34. לאדזשער געטאָ — יצחק גאלדקארן
35. אב הרחמים — דוד איינהארן
36. איך שוויג (בנימין בן זרח) — יידיש. י. י. שווארץ
37. בענשן זאל גאט — י. י. העלער
38. דער איינציקער קבר — אברהם זאַק
39. אומעטום וועט יידיש לעבן — אברהם לעוו
40. אויף קבר־אבות — ס. טאַבע
41. אונטער גליענדן אש... — פ. דרורי
42. זיינען דאס מיינע הענט?... — משה שולשטיין
43. על חאט — יודל פעקער
44. אין לאַנד פון גרים גאט — א. יאַאַכימאָוויטש
45. דעם יידישן שלאכטמאן — פרץ מארקיש
46. געטאָ (פראגמענט) — שלמה פראנק


* *
*

## תיקון־תעות

אויף דער זייט 37, איז צוליב א טעכנישן טעות, ארויסגעפאלן פון אינהאלט: דאס קעפל פון ליד „מיין צוואה" פון יעקב ראסיין.

פלגי מים תרד
עיני על שבר בת־עמי.

---

טייכן וואסער טוט רינען
מיין אויג אויפן בראך פון
מיין פאלק.

(איכה ג׳ מ״ח)

# אַריינפיר פון י. ל. פּרץ.

## האָפּ און גלויב

האָפּ! גישט ווייט איז שוין דער פרילינג,
ס׳וועלן שמעטערלינגען שפּרינגען.
נייע נעסטן, נייע פייגל
וועלן נייע לידער זינגען.

גלויב. די נאַכט וועט זיין פאַרשוווּנדן,
און די וואָלקן אויך צערינען.
בלוי וועט ווייטער זיין דער הימל
נייע שטערן, נייע זונען!

נייע רויזן, נייע בלומען
וועקט דער פרילינג זיסער הויך:
עס וועט שיינען, שמעקן, זינגען!
און — אויף אונדזער קבר אויך...

# טריסט

עס שטייט — אַ אייזן־פעסטע וואַנט
אין וויסטן, ווילד־פאַרקאָכטן ים!
אַ, שטאַרקט דאָס פאָלק! בלאָזט אויף די פלאַם!
יאַ, שטאַרקט דאָס פאָלק! נישט אָפּגעשלאַפט
זאָל שפּריצן העל די לעבנסקראַפט
אַלס פייער־יקע זייל ביינאַכט...
עס זינקט די נאַכט, דער טאָג דערוואַכט
און שיקט דעם שטראַל — אַ גאָלדענע פייל
אַלס גרוס דער פייערדיקער זייל!...
יאַ, טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט.
מאַכט פעסטער דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט!

טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט.
שטאַרקט דאָס האַרץ, מאַכט פעסטער דעם גייסט.
ווייט נישט דער ווינט, וואָס לעשט דעם פלאַם.
נאָר בלאָזט זי אויף, ווייל נאַכט איז סם!
נאָר בוימל גיסט און פוצט די קנויט,
ווייל נאַכט איז גוט און שלאָף איז טויט!
טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט!
מאַכט פעסטער דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט.
עס האָט געליטן שוין נישט איין נאַכט.
עס האָט געווינט שוין נישט איין שלאַכט
און נישט געלאָזט די פאָן פון האַנט!

## איציק מאנגער ///

### בית־עולם־שטילקייטן

בית־עולם־שטילקייטן זיינען מיך באַפֿאַלן
גרויס און אימהדיק. די טונקעלע ציפּרעסן
היטן די לאַנג פֿאַרלאָשענע מעת־לעתן,
שטומע, שטרענגע, ערנסטע וואַסאַלן.

מיט אָפֿענע אויגן און צעריסענע סאַנדאַלן
טרעט איך אריין אין אומענדלעכן „פֿאַרגעסן".
די ווערים גריזשען געדולדיק און צעפּרעסן
דעם גרויסן הרג, וואָס האַלט זיך ביים צעפֿאַלן.

אַזויפֿיל טייערע און ליכטיקע געשטאַלטן
טונקלען אין זכרון. פּרוּוו זיי צו פֿאַרהאַלטן
ליד מיינס, פֿאַר שפּעטע קומענדיקע יאָרן.

פֿאַר שפּעטע זומערן, וואָס וועלן זיך צעגרינען,
מיט בלאָע שוואַלבן און מיט גאָלדענע בינען,
מיט זינגענדיקע גרילן צווישן ווייץ און קאָרן.

### זילבער

די אַלטע שרה בת טובים
בענטשט דעם זונפֿאַרגאַנג
ווי אַמאָל די הייליקע שבת־ליכט
און שעפּטשעט שטיל און לאַנג.

די אַלטע בראָש פֿון פֿאַרצייטנס
אויף איר סאַמעטן קלייד
איז דאָס איינציקע שטיקל זילבער
אין אַ וועלט וואָס פֿאַרגייט.

## דער העלפער

דער שניי איז ווייס און פראַקטיק,
דער זונפאַרגאַנג איז רויט,
דער בעל שם טוב וואַרפט פאַר די פייגל
קרישקעס קאָרנברויט.

ער שטייט אין זיין פויעריש פעלצל
פאַר זיין אָרעם געצעלט
און העלפט דעם רבונו של עולם
פיטערן די פייגל אין פעלד.

## צום בראַצלאַווערס „זיבעטן בעטלער“

זיבעטער בעטלער פאַרענדיק די מעשה
מיר זיינען די לעצטע הערער:
אַזויפיל יידן האָבן זיך נישט דערוואַרט
טאַ וואָס־זשע וואַרטסטו מערער?

זיבעטער בעטלער, דו דרימלסט. דו שווייגסט
און די וואָלקנס ווערן שווערער.
מיר וואַרטן, דערציי. טאָמער ווערט צו שפּעט
ווער וועלן זיין די הערער?

## ברוגז

רב לוי יצחק אין טלית און תפילין
רירט זיך נישט פונעם אָרט.
ער שטייט פאַרן עמוד. דאָס סידור איז אָפן
נאָר ער רעדט נישט אויס קיין וואָרט.

ער זעט אין זיין דמיון דעם חורבן פון געטאָ
די נסיסה, דעם צער און דעם שפּאָט
ער שווייגט פאַרעקשנט. דער אלטער איז ברוגז
מיט זיין אלטן גאָט.

**מ. גראָסמאַן**

# טויטן־טאַנגאָ

*(בעת די דערשיסונגען האָט א ייד. אָרקעסטער צוגעשפילט א ספעציעל געשאפענעם טאַנ- גאָ. דערנאָך אליין צעשאָסן געוואָרן).* **פרעסע**

שטיל אין לאַגער, ס'פאַלט א שניי.
זיי שטייען צום לעצטן מאָל אין ריי —
עס בעט דער שניי א ווייס געלעגער
פאַר די קינדער, וואָס דער שלעגער

שפאַלט די קעפּלעך אין א בוים —
פאַרדעקן ס'בלוט באַווייזט שניי קוים,
זיי שטייען צום לעצטן מאָל אין ריי,
ס'וועבט תכריכים זיי דער שניי.

פאַר די מאַמעס, פאַר די ברידער,
וואָס נעמען באַלד זיך גראָבן גריבער —
סיי פאַר זיך און פאַר די שוועסטער —
עס הייבט אָן שפּילן אַן אָרקעסטער:

טויטן-טאַנגאָ, טויטן-טאַנץ,
פלעכטן אויס פון שאַנד א קראַנץ,
שפּיל מוזיק דעם לעצטן אַקט,
גראָבט זיך קברים לויטן טאַקט!

עס וויינט די פידל, ס'וויינט די פלייט:
— ברידער, רויק צום טויט זיך גרייט.
— מיר שפּילן ווידוי פאַר ווייב און קינד —
עס העלפט צו שפּילן אויך דער ווינט:

טויטן-טאַנגאָ, טויטן-טאַנץ,
פּלעכטן אויס פון שאַנד אַ קראַנץ
שפּיל מוזיק דעם לעצטן אַקט,
גראָבט זיך קבֿרים לויטן טאַקט!

עס כליפּעט, שילט דער אַלטער באַס:
— זאָל אויף דער ערד נאָר וואַקסן האַס!
און דערנער אָנשטאָט ווייץ און קאָרן —
איבּ וועלט פאַרשוויגן וועט דעם צאָרן!

און ס'טרומייטערט הויך קאָרנעט:
— וועלט, הער אויס דעם טויט-קוואַרטעט!
בעטהאָוון, מאָצאַרט, היידן, באַך —
זייט אונזער לעצטע ערן-וואַך!

מיר שפּילן אויס דעם נייסטן ניגון,
ס'זאָל די קינדער שטיל פאַרוויגן:

טויטן-טאַנגאָ, טויטן-טאַנץ,
מיר פּלעכטן אויס פון שאַנד אַ קראַנץ,
שפּיל מוזיק דעם לעצטן אַקט,
גראָבט זיך קבֿרים לויטן טאַקט!

עס פאַלן טויט די מאַמעס, שוועסטער,
שטאַרקער שפּילט אויף דער אָרקעסטער,
ס'פאַלט אַ זקן, ס'פאַלט אַ קינד,
אַ לעצט געשריי ס'צעטראָגט דער ווינט:

— שפּילט אויף האַרמאַטן, באָמבאַרדירער,
פאַרלעשט זאָל זיין זייער מאָרד-געצעלט,
טויט די דייטשן — זייערע פירער!
פאַר דעם גרויל און שאַנד דער וועלט!!!

סאַמאַרקאַנד, 1945, פעברואַר.

**אברהם זאק**

# דאָס ליד פון נצחון

**[9 מאי 1945 — 9 מאי 1946]**

איר אַלע ברידער מײַנע, וואָס פּאַריתומט און פּאַראַבלט,
איר אַלע שוועסטער מײַנע, וואָס אין שוואַרצער קרעפּ! —
עס איז דער גרעסטער יום-טוב הײַנט, טוט אויס די טרויער-קליידער,
הייבט אויף צום הימל די אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

ס'איז אַלע מענטשנס שמחה הײַנט, נישטאָ הײַנט קיין אבלות,
מיט טויזנט זונען האָט דער הימל זיך צעלאַכט
אַלץ יובלט הײַנט און זינגט, די גאַנצע וועלט איז מלא-שמחה,
אין שטויב און דרויב צעשטויסן ליגט דעם שטנס מאַכט.

הײַנט יובלען אויך אפילו אונזערע מיליאָנען קדושים.
פון קופּעס אַש, פון מאַסן-גריבער דרינגט געזאַנג — — —
אַ זעט, ביים שײַן פון שׂרפות הייליקע — נקמה-פלאַמען! —
ווי ס'קאַרטשעט זיך דער שונא אין זײַן אונטערגאַנג! — — —

## פּרץ מאַרקיש

# דעם ייִדישן שלאַכטמאַן

(פֿראַגמענט)

פֿון נישט פֿאַרוועלקנדיקע אוראַלט איך פֿאַרנעם.
ווי אַ צוואה, דעם געוויין פֿון שלאַכטן. איך פֿאַרגעס נישט,
ווי שמעון און ווי לוי האָבן אויסגעקוילעט שכם
פֿאַר לעסטערן, פֿאַר שענדן זייער שוועסטער.

געצינדערט איז קיין צאָל אויף ציילן נישט פֿאַראַן,
קיין וואָרט אַצינד אויף וויינען איז נישטאָ מער.
זאָל ווי אַ באַרג זיך איצט אַראָפּלאָזן דײַן האַנט,
זאָל דרײַ מאָל, ווי דער אומגליק, גרויס זײַן די נקמה!

דער גלאַנץ פֿון זייער בלוט איז זיסער פֿון באַגין,
קיין פֿרייד אַזאַ אינבערגעץ איז נישטאָ מער —
אָט שטייט פֿאַר קעגן דיר, דער דײַטש, פּונקט ווי אַ יאַשטשער גרין, —
רײַס זיך אַרײַן אין גאָרגל אין זײַן טמאָן,

און ביז לעצטן אָטעם נישט פֿאַרגעס
פֿון זויג־קינדער געשליידערטע, פֿון מאַמעס די געהײַלן,
די ערד די ווייטיקדיקע פֿון דער שטאָט אָדעס
און דאָס געוויין פֿונעם פֿאַרבלוטיקטן לוק־אַנאָווקער בית עולם.

איבער געשחטענע קהילות, איבער אָרעמקייט צעפּליקטע
יאָרהונדערטער זיך קוילען, פּונקט ווי רײַסן.
וועסט, ייִדישער סאָלדאַט, זיך נישט צעשיידן מיט דער ביקס,
ווי ס'האָבן דײַנע זיידעס נישט צעשיידט זיך מיטן ספֿר.

דו וועסט זי נישט אַרויסלאָזן פֿון האַנט אַצינד,
ס'וועט אין דײַן צאָרן איבערברענען יעדער פֿעסטונג.
— אַ שטאָט פֿאַר יעטווידן געשחטן קינד!
— אַ שטאָט — פֿאַר יעטווידער געשענדטער שוועסטער!

גיי, רויטאַרמייער ייִדישער, נקמה נעם.
זאָל זיך נישט אויסשעפּן פֿון האַרץ דײַנעם דער צאָרן,
ביז ס'וועט בערלין נישט זײַן צעבראָכט ווי שכם,
ביז ס'וועט דאָס בלוט נישט זײַן באַצאָלט פֿון דײַנע קבֿרים!

ז. סעגאלאָוויטש

# איצטער...

(פראַגמענטן פון אַ פּאָעמע)

ווי געטאָ האָט מיט לעבן זיך געוואָרגן —
מע האָט געביסן זיך דאָס לייב ביז ווײ...
נישט זיכער איז געווען די שעה, דער מאָרגן
און יעדער טריט און זעלנערשער געשריי...
געגאַמענט זיך אין טויט־שפּאַס: „חברה־שטאַרבערס",
נישטאָ מער קיין רחמנות פאַרן ייד...
די דייטשן, ווי די וועלף און ווי די שפּאַרבערס —
זיי האָבן די קרבנות שטאַרק געהיט.
מע האָט אויך ערגעץ־וואו אַ סך געטרונקען,
פאַרשיכורט זיך פון יאוש און פאַרדרוס.
און אויף צו להכעיס אַלעמען געזונקען
אין לעסטער און משונהדיקן זנות.
מע האָט אויך חופּות פיל געשטעלט אין געטאָ:
(מע האָט דערציילט און איך פאַרשרייב)
אַ שותפות אַנגעגרייט זיך אויף דעם שפּעטער:
מע זאָל פאַרברענט ווערן, ווי מאַן און ווייב.
די פרוי דערציילט גאַנץ לאַנג, מיר אַלע הערן
און אַלע וויינען ביסלעכווייז זיך אויס.
ביי גאָט! מיר האָבן זייער ווייניק טרערן
און וואָס און ווען? וואָס קומט דערפון אַרויס?

די געטאָ ברענט... אַ מחנה אוקראַינער
באַלאַגערן אַ ניט־געברענטע הויז
און איינער אַ כאַכאַל, דעם שד'ס באַדינער —
ער שפּרינגט אַריין אַהין און שפּרינגט אַרויס
אין האַנט ביי אים, טריאומפירענד־אויפגעהויבן
אַ גרויער קאָפּ פאַרבלוטיקט אין זיין האַנט...
אַ פרייד ביי די, וואָס הרגענען און רויבן,
זיי שרייען ווילד, אין שיכורן פאַרשטאַנד.
אַ קאָפּ, אַ ווייסע באָרד מיט רויטע פלעקן,
אַ קאָפּ ביי שוועלן יידישע און טיר.
די פלאַמען פון דער שריפה זיי באַדעקן
די פרישע צייכנס בלוט מיט פלאַם־קאַליר.
די אויגן צוגעמאַכט, נישט אַנצוקוקן
אַ וועלט אַזאַ אַפילו טויטערהייט...
די געטאָ ברענט, די פייערן פאַרצוקן,
וואָס דורות פראַצע האָבן צוגעגרייט...
און איבער אַלץ דער קאָפּ פון ייד, פון אַלטן...
ביים שרייַ אין דער האַנט, דער גרויער קאָפּ.
מיר הערן אויס דעם אָטעם איינגעהאַלטן,
מיר הערן אויס און זינקען טיף אַראָפּ...

וואָס ווייסן מיר דאָ פֿון אַזעלכע זאַכן,
ווען גאַנצע גאַסן וואַרטן אויפֿן טויט...
ווען כּוח שפּילט און שפּילט זיך מיטן שוואַכן
ביז יעדער לוסט צו אָטעמען פֿאַרגייט.
ווען קינדער־וויגן שטייען פֿאַר די אויגן
און זיי, די קינדער, זײַנען שוין נישטאָ...
ווען שרעק האָט אַלץ און אַלעמען געבויגן:
די שעה, זי קאָן דאָך זײַן די לעצטע שעה.
דאָס לעבן לאָקט אין רײַכקייט און אין שימל —
דער היילקסטער און שרעקלעכסטער אינסטינקט:
און שרײַ... די אויגן זעען נאָך דעם הימל,
ווען גוף אין שוואַרצער טיפֿעניש פֿאַרזינקט.
אַ וועלט געווען אַ שלעכטע, צי אַ גוטע...
משפּחה איז געווען מיט גאָט און היים.
און איצטער — ווי געוואָרן איז דאָס בלוטיק,
אַ דונער איז אַרײַן אין אַלטן בוים.
אַ רגע זיך פֿאַרטראַכטן און פֿאַרקלעמען
און אויסהערן מיט ציטערניש די רייד...
וואָס ווייסן מיר, וואָס קאָנען מיר פֿאַרנעמען,
ווען גאַנצע גאַסן וואַרטן אויף טויט.

געווען אין וואַרשע דאָרט אַ געסל מילע —
פֿון נאַלעווקעס און מוראַנאָוו נישט ווײַט.
אַ געסל אַ פֿאַרשאַטנטע, אַ שטילע —
האָט געסל זיך דערוואָרט אַן אַנדער צײַט.
דאָרט איז דער פּונקט, דער זאַמלפּונקט געוואָרן,
דער בירזשע־פּלאַץ פֿאַר ייִד און ייִדנס טויט.
פֿאַר אונדזער דור... פֿאַר יאַטע־מאַמעס יאָרן,
און קומט... מען הייסט... די בירזשע איז שוין גרייט.
איז מען געגאַנגען פֿרײַ צו דער עקדה
און אויסגעשטעלט זיך אויף דער שמאָלער גאַס —
מיט קינד און ווײַב, מיט גרויע באָבע־זיידע,
געבראַכט אַליין די לעבנס פֿאַר דעם גאַז...
אַן אָפּיציר, אַ דײַטש מיט אַ מאַנאַקל,
אַ שלאַנקער סלופּ, אַן אויסדרעסירטער ספֿינקס...
די האַנט אַ צי מעכאַניש און אַ שאָקל

און ייִדן אײַנגעטיילט אויף רעכטס און לינקס.
אויף רעכטס באַדײַט: דערווײַלע נאָך צום לעבן,
אויף לינקס באַדײַט: נישט קומען מער צוריק...
דער דיכטער קאָן דאָ מער פֿון זיך נישט געבן,
דער טײַך, דער בלוטיקער איז אָן אַ בריק.

ווי קינדער רייסן זיך — פון מורא צו די מאַמעס,
ווי מאַמעס ווילן נישט פון קינד אַוועק...
זאָל גאָט מיך נישט באַשטראָפן, וואָס איך גראַם עס,
איך קום געַנוג שוין אָפּ אין מיינע טעג.
מען ווייסט שוין אַלץ... נאָר די, וואָס ווילן וויסן,
ווי ווייט דער מענטש איז איצט קיין מענטש נישט מער —
די טאָרן זיך אין ערגעץ נישט פאַרשליסן
און אויסהערן און איבערקרענקען שווער.
מיר דאַרפן זיי אַ טייל פון די נגישות,
אַביסל סם פאַר אונדזער פרייד און לוסט...
אַ חושך אויף דער וועלט פאַר אַלע רשעות,
אַ קראַך אַזאַ, וואָס איז נאָך נישט באַוואוסט,
דאָס פנים זאָל דאָס מענטשישע פאַרשווינדן...
די חיה־מענטש, זאָלסט גיין אויף אַלע פיר.
און טיגערס זאָלן ווילד דיין גוף צעשינדן.
קיין זכר זאָל נישט בלייבן מער פון דיר.
אַ וועלט אָן מענטש... אין זון און טוי געבאָדן,
מיט גרינס צעוואַקסענע, מיט וואַלד און פעלד.
איך זע, ווי אַדלערס מאַכן קאַראַהאָדן...
אַ וועלט אָן מענטש... אַ וואונדערלעכע וועלט.

די פרוי, וואָס זיצט מיט אונדז איז אַ שאַטינע,
און נישט סעמיטיש זעט איר פנים אויס,
און דאָס האָט איר געהאָלפן צו געפינען
אַ פּלאַץ, אַ צימער אין אַ קריסטלעך הויז.
מע פלעגט דאָרט ריידן אָפט און ווען דערמאָנען
די געטאָ מיט די יידן און דעם בראַך...
די ווירטין די, זי פלעגט מיט האַס באַטאָנען,
אַז דייטש, דאָס איז מנוול, הונט... און דאָך:
זי וואָלט אַליין די יידן נישט דערשאָסן
און נישט פאַרברענט זיי לעבעדיקערהייט —
נאָר אויב דער דייטש האָט שוין די זאַך באַשלאָסן —
טאָ זאָל שוין זיין, אַזוי ווי דייטש פאַרשטייט.
אַ יידישקע אַזאַ, וואָס טראָגט אַ צלם
און האַלט אין דאַמען־טאַש אַ פאַלשן פּאַס...
וואָס קאָן זי מאַכן מיט דעם בייזן עולם
און מיט די שטימונגען פון שענק און גאַס.
פאַראַן אויך אפשר בעסערס צו דערציילן,
ווען קריסט האָט זיך פאַר יידן איינגעשטעלט.
פאַראַן אַ הייפל גוטע לייט אין פּוילן,
ווי אומעטום אין אונדזער שלעכטער וועלט.

דערנאָך האָט ווער דעם סוד אַרויסגעגעבן
און ווידער איז זי הפקר, אומבאַשיצט:
אַ שפּיי אין פּנים איר פּאָר וועלן לעבן
און קלעפּ, זי האָט סימנים נאָך ביז איצט.

דערנאָך געשלעפּט איר אין די טויט־טראַנספּאָרטן,
זי האָט שוין נישט געפילט און נישט געהערט...
זי איז געשטאַנען שוין ביים אויוון דאָרטן...
און נישט אַריין... אַזוי איז עס באַשערט.
דערנאָך איז זי מיט נאָך אַזעלכע פרויען,
וואָס יעדע האָט געהאַט אין האַרצן בליי...
געזעסן און געגייט אין אַלע שעהען
אַ באַרג מיט ווײַס פּאָר היטלערס זעלנעריי.
דערנאָך פאַרריכט פאַרבלוטיקטע שינעלן,
וואָס זיינען אָנגעקומען פון דעם פראָנט,
מיט קוילן־לעכער, מיט ריסן פון שראַפּנעלן
און דאָס האָט שוין נקמה זיי דערמאָנט.
דאָך ווען אַ פרוי פלעגט אַרבעטן נישט קאָנען —
פון הונגער־קראַנק אַראָפּלאָזן די הענט...
איז זי געגאַנגען דעמאָלט צום פאַרברענען —
אוי, וויפיל, וויפיל האָט מען זיי פאַרברענט.

דער טויט איז מיטגעגאַנגען מיטן שפּרייזן
אויף רעכטס געווען, אויף לינקס געווען דער טויט.
אין אַרבעטן, ביי עפּעס אַ פאַריגרייזן,
אין אָפּוואַרטן דאָס שטיקל דאַרע ברויט.
אַ שותף און אַ שטענדיקער מחותן,
אַ גאַסט געווען פון יעדן טאָג און וואָך.
דאָך נישט באַליידיקן דעם טויט דעם גוטן:
ער האָט נישט איינעם אויסגעלייזט פון יאָך.
דער טויט האָט אויכעט זייניקע קאַפּריזן,
ער האָט עקשנות אין זיין שוואַרצן פּלאַן,
ער האָט גענומען פיל ער האָט באַוויזן —
דאָך אויסגעמיטן אָפּט אַ פרוי, אַ מאַן.
די פרוי, וואָס זיצט מיט אונדז ביים טיש אינמיטן
און רעדט אַרויס יסורים און געפּאַר...
זי איז פון די, וואָס טויט האָט אויסגעמיטן —
נאָר זי אַליין באַדאַנקט אים נישט דערפאַר,
דער לעצטער וועג פון אירע בלוט־עטאַפּן...
אין בערגן־בעלזן... אירע יאָרן צוויי.
דאָרט פלעגן הינט די שוואַכע פרויען כאַפּן
און בייסן־רייסן שטיקער פלייש פון זיי.

פון מענטשן מאַכן זיי אַ שפּיל פאַר שעכטער,
פון טויט — אַן ערבֿ־טויט, מיט פּיינען־ווילד...
פון צוויטנס קרעכץ, אַ הילכיקן געלעכטער,
פון יידיש מאַסן־מאָרד — אַ קינאָ־בילד.
מע וועט דערציילן און מע וועט פאַרשרייבן,
די פאַקטן וועלן ווערן רעגיסטרירט.
נאָר וועלטן מיט יסורים וועלן בלייבן
פון דיכטער נישט באַנומען, נישט באַרירט.
וואָס מיינען זיי, די פעלקער? ווידער זינגען?
און ווידער קונסט? און ווידער דזשענטעלמען?
און רואיק, ווי אַ קאַרש אַרונטערשלונגען
דעם אונדזער בראָך... ווי גאָרנישט וואָלט געשען.
וואָס מיינט די וועלט? געווען און שוין פאַרשוואונדן!
זיך אָנגעטרונקען מיט די טייכן בלוט...
דעם שוואַרצן פּראָטאָקאָל שוין איינגעבונדן,
און איצטער מעג מען ווערן פרום און גוט.
פון אַש אַרויס אויף אייך די קינדער־בליקן,
די טויזנטער פאַרסמטע און פאַרברענטע...
פון אַש אַרויס די הענט, וואָס זאָלן שטיקן,
אויף אייך — די הייליקע מיליאָנען הענט...

איז דאָס מיין וועלט פון זינגען און באַזינגען?
און ליב האָבן דעם טאָג, ווי גאָטס געשאַנק...
איך מאַטער קאָפּ און קאָן זיך נישט באַצווינגען...
נישטאָ כאַטש איין באַליכטענער געדאַנק.
איך בין פאַרפּולט מיט שרעק אין די מעת־לעתן,
מיך ווערגט דער טויט אין זיין מיליאָנען־צאָל...
די לעבנס... נישט פון חיות אויפגעפרעסן
און נישט פון פעסט געפאַלן מיטאַמאָל.
נאָר דייטש האָט קאָלט מיט חשבון און מיט ראַטעס
געזאַמלט זיי די אונדזערע פון דאָרט —
געניי באַשטעלט די שעהען און די דאַטעס
און ראַפּאָרטירט דעם אויסגעפירטן מאָרד.
אַ פחד טראָגט פון מענטש, פון אַלעמען צוזאַמען
מיט אַלע אויוונס, מיט דעם גאַז „ציקלאָן“...
האָט מען געפּרוּאווט מיליאָנען צו פאַרסמען,
וועט מען דאָס זעלבע מאָרגן ווידער טאָן,
איז דאָס מיין וועלט פון טרויען און פאַרטרויען
מיט חברשאַפט, מיט ליד פאַר קינד און ווייב...
פון פענצטער הער איך, ווי שאַקאַלן וואָיען,
און דאָס איז אַלץ און אַלץ ביי וואָס איך בלייב...

אַ פּחד טראָגט פון מענטש מיט זיין דערפינדן,
מיט זיינע פּראָפּאַגאַנדעס, וואָס ער קען
באַווייזן פאַר אַ וועלט, אַ וועלט אַ בלינדער,
אַז ווייסער שניי איז שטענדיק שוואַרץ געווען.
נאָך קיינמאָל האָט דער שקר ניט באַוויזן
צו גיין אַזוי אין מאַרש פון לאַנד צו לאַנד,
מיט ביקס און עראָפּלאַן, מיט טאַנקען־ריזן...

דער אַלטער שקר מיט געווער אין האַנט.
מע זוכט כסדר בלוט, וואו צו פאַרגיסן —
אויף דעם דער כוח און אויף דעם די מאַכט...
נאָך ווייניק שטעט צעשמעטערט און צעריסן,
נאָך ווייניק, ווייניק לעבנס אומגעבראַכט?
אַ ליידנשאַפט צו הרגענען און ברענען —
דער טייוול ווייסט די קריגערישע לייט...
און ווער וועט וועמענס כוח אנערקענען?
און ווער וועט איבערבלייבן מיט דער צייט?
איידאָפּע איז פאַרברענט, איז איצטער יאַווא —
די באָמבען־טרעגערס זיינען שטענדיק גרייט...
בלויז ער, דער איטשע־מאיר פון וולאָדאַווא
האָט פיינט געהאַט הריגה, ווי דעם טויט...

דער בחור, וועלכער שטייט אויף דער טריבונע —
ער זעט מיר אויס צו זיין פון יענער וועלט...
און וואָס ער רעדט אַרויס איז ווילד משונה...
עס שטיקט, עס וואַרפט פון היץ און קעלט...
מיין ביאַליסטאָק, די שטאָט פון מיינע נאָענטע...
אַט ווי אַ בוך, וואָס פאַלט אַריין אין פלאַם,
די נעמען פון די קרובים די דערמאָנטע
און אַלע, אַלע צווייגן פון מיין שטאַם.
מיין ביאַליסטאָק, מיין שטאָט פון קאַמף און גלויבן —
איך זע דיך אין דעם עבר און געגנט.
ווען פּושקין האָט דיין וואָכיקייט דערהויבן
און טיף באַגייסטערט האָט דיך לעוו טאָלסטאָי.
שוין דעמאָלט — דאָן מיט פופציק יאָר פאַראיבער
האָסטו לאָרד בייראָנס לידער דעקלאַמירט.
און דאָרטן, ביי די משכילים אין די שטיבער
געלייענט שטאַרק וואָלטערן און שטודירט.
אַ שטאָט מיט נעמען פיל מיט וועלט־באַקאַנטע
ר׳ שמואל מאהילאווער — אַ גרויסער ייד.
דער ד״ר זאַמענהאָף מיט עספּעראַנטאָ...
מיין שטאָט, מיין ביאַליסטאָק, מיין ערשטע ליד.

מײַן שטאָט פֿון העלדן, רעוואָלוציאָנערן,
וואָס האָבן אויסגעקעמפֿט דעם פֿינפֿטן יאָר.
די שטאָט פֿון וועבערס פֿיל, פֿון אַרבעט שווערע,
געהאַדעוועט אַזוי פֿון דור צו דור.
דער בחור איז דער אייניקל פֿון יענע
וואָס האָבן שטאַרק אין מענטש געגלויבט, אין גאָט...
און איצטער מאָלט ער אונדז די ערשטע סצענע,
דעם ערשטן בראַך פֿון אונדזער אַלטער שטאָט:
געווען איז אַ פֿאַרטאָג, אַ פֿינף באַגינען,
די געטאָ־גאַסן ווערן פּלוצלונג וואַך...
מיט כּוח פֿול, מיט די געווער־מאַשינען,
מיט האַס, מיט דײַטש און מיט זײַן גראָבער שפּראַך,
אַראָפּגעריסן פֿרויען פֿון געלעגער
און אַלטע לײַט געשלײַדערט צו דער שוועל...
אַ באַנדע אויסדרעסירטע מענטשן־יעגער,
וואָס אַרבעטן מעטאָדיש און אויף שנעל.
געווען איז דאָס די ערשטע גרויסע גרופּע
אַרויסגעיאָגט אין פֿראָסט פֿון שבט, אין ווינט.
דער טויט האָט דאָן געשטעלט זײַן שוואַרצע חופּה
מיט צוועלף טויזנט... מאַן און פֿרוי און קינד...

און אײַנגעבויגענער פֿון אַלע שרעקן —
איך זוך מער קײַנעם נישט און נישט איך פֿרעג.
וואָס פֿאַר אַ זינען האָבן שוין די צוועקן?
ווען מאָרד געוואָרן איז דער ערשטער צוועק?
ווי ס'ברענגט זײַן רויב צו זיך אַליין דער יעגער
נאָך פֿריש־פֿאַרבלוטיקטן, נאָך פֿריש פֿון וואַלד.
אַזוי ברענג איך בײַנאַכט אויף מײַן געלעגער
די פֿיל דערציילונגען פֿון טויט און גוואַלד...
איך ווייס שוין אַלץ... דאָך בין איך נאָך פֿאַרוואונדערט
און איבערראַשט פֿון איצטיקן קאָשמאַר...
און מענטשלעכקייט און צוואַנציקסטער יאָרהונדערט!
און וואָס האָט זיך נישט אײַנגערעדט דער נאַר.
אַזוי פֿיל קלויסטערס זײַנען אין אייראָפּע
און „וועסטמינסטער" און אַלטער „נאָטער־דאַם"
און בילדונג, ביכער, בילדער... און אוטאָפּיע,
אַ שפּיל אַנטקעגן דעם מאַידאַנעק־סם.
מע דאַרף דאָך האָבן גאָר אַן אַנדער מוח,
אַן אַנדער קאָפּ דעם גהינום צו פֿאַרשטיין...
און אפֿשר? אפֿשר ווערן אַ רוצח?
און אפֿשר ענדיקן מיט זיך אַליין?...

נאַ, וואָס מיין שיינע וועלט? שוין אַנגעזעטיקט?
שוין פול מיט טייכן בלוט? אויף וויפיל צייט?
דיין שלום האָבן מיר סיי ווי פאַרשפּעטיקט,
דיין פאַלשער שלום האָט נישט קיין באַדייט...
מע משפּט איצטער פאַר מיליאָנען גזירות,
מע משפּט חיות מיט אַ פּראָצעדור
און די פון געטאָ זיינען געטאָ־פּסולת,
זיי האָבן נישט געהאַט די מאָרד־קולטור,
אַן שווערד און אָן כלי־זיין־אַרסענאַלן,
זיי האָבן נישט געוואוסט אין זייער ווי,
אַז איינער פון די טויזנטער קאַפּראַלן
וועט מאַכן אַזאַ־וויסטן סוף פון זיי.
יאָ, די פון געטאָ... פרום און בייגעשטאַנען,
געטריי געווען, משפּחה אָפּגעהיט.
וואָס האָבן זיי אין „רוגבי" דען פאַרשטאַנען?
ווי קומען זיי די יידן צו־אַ בריט?
זיי האָבן נישט געשפּילט אין גאָלף אַפילו...
אָך, מיר פאַרבליבענע, מיר זיינען שוואַך,
דאָך ווייסן מיר, מיר ווייסן און מיר פילן,
ווי ווייט עס איז פון „בייבל" ביז תנ"ך.

מיט אַלע די יסורים פון מיליאָנען
איז נישטיק־בלייך די. וועלט מיט אַלע פרייד...
איך קום איך מיט מיין שוואַכן קול דערמאָנען
די קרבנות... מיט זייער ערב־טויט.
דער ערב טויט... ווען האַרץ און לייב און לעבן,
ווען אַלץ איז יש־ין ביים תליון אין די הענט,
ווען פאַר די אויגן ציטערן און שוועבן
די קרובים, וועלכע זיינען שוין פאַרברענט

ווען פאַר די אויגן שטייען די בנינים
מיט פייער־פלאַם, מיט סם שוין צוגעגרייט,
און מענטש דו האָסט שוין נישט קיין גוף, קיין פּנים,
נאָר אַש אַביסעלע פון ווינט צעשפּרייט.
דער ערב־טויט, ווען פּלוצלונג קומט דאָס ווילן,
דער חשק קומט צו לעבן און צו זיין...
אָט יענע לעצטע רגעס און געפילן
אין אונדזער רואיקייט זאָל דאָס אַריין.
אָט יענע קללות ביי מאַידאַנעקס שוועלן,
צוזאַמען מיט די אַשן־בערג פון דאָרט.
דאָס זיינען אונדז נדרים און באַפעלן —
די קללות בלויז באַרעכטיקן דאָס וואָרט.

די שיינע ערד זאָל בלייבן פֿאַרן וואָרעם,
פֿאַר מענטש אַליין איז מער נישטאָ קיין ליד.
די גערטנער צעגריבלט על אויף קברים
און שטשירעט מיט די ציין... איך שטאָל געשמידט...
מיט איינגערעדטע העכערקייט פון צווייטן
מיט יחוס־בריף געשריבן פון אַ נאַר.
ווי לייכט עס גייט דאָס הרגענען און טויטן
און שפּייען קלעק אין יענעמס טיפן צער.
פֿאַר די אַמביציעס פון אַ ווילדן איינעם,
צי פון אַ צווייטן, וואָס פֿאַרכאַפּט די מאַכט,
דערהרגעט מען מיליאָנען שטילע שכנים
און שקלאַפן גייען ווידער צו דער שלאַכט.
אָט דאָס איז אַלץ: פֿאַרשקלאַפּטע און פֿאַרשקלאַפּער.
און בײדע ווייסן נישט, וואָס פרייהייט איז...
איז גיי צום סוף, צום אויסראַט מיט דיין וואָפן
און ברעך דיין קאָפּ מיט דיינע הענט און פיס.
עס וועט פֿאַר דיר גיך אויסקלאַפּן דער זייגער,
אַן אוראַגאַן מיט בליץ און דונער־קלעפּ...
דער שטורעם וועט דיך, ווי אַ הונט, אַ פּגר
אַ שליידער טאָן... אַ שליידער פון די טרעפּ...

פֿאַרשאָלטן זאָלן ווערן אַלע קללות
אויב זיי דערגייען נישט צום מערדערס ביין...
מיך טרייסטן נישט די טאַנקישע מפּלות:
איך וויל זיין גוף, די אויסגעהאַקטע ציין.
די אויגן זיינע... פרייסישע און בלאָע
אַריינגעפּאַסט אין העלם, ווי אין אַ ראַם,
די אויגן די, וואָס האָבן מיט הנאה
אַריינגעקוקט, ווי לעבן גייט אין פלאַם.
זיי טאָרן מער נישט זען דעם רעגנבויגן,
נישט פרייען זיך מיט אַלץ, וואָס בליט און גרינט.
זיי טראָגן טויט די אָפּגעסמטע אויגן,
זיי טאָרן מער נישט אָנקוקן קיין קינד.
ווי ווייַ איז אונדז, די קינדער צו דערמאָנען,
די אומגעקומענע אין פלאַם... עס נאָגט.
די גופעלעך זיי ציטערן און מאָנען:...
צו ווייניק זיי, די הייליקע באַקלאָגט.
פון גאָרער ערד די בלומען צונויפנעמען,
אַ קדושה־קראַנץ אָװעקלייגן פאַר זיי...
וואו נעמט מען ווערט, די וועלט זאָל זיך פֿאַרשעמען?
וואו נעמט מען וועלט פֿאַר אונדזער אַך און וויי?...

תל־אביב. נאָוועמבער־דעצעמבער, 1945

## יצחק קאַצענעלסאָן

# מיט חלוצים!*

…און אין אַ וואָך אַרום — און כ׳גנבע זיך אַריין אין געטאָ ווידער… איך האָב
דאָרט צוקערמאַנען. יאָ!
יצחק צוקערמאַן האָב איך, צביה האָב איך — די שענסטע און די בעסטע אויף דער
ערד!
חלוצים! יאָ! ווער זאָגט מיר האָבן אַלץ אויף דר׳ערד פאַרלוירן שוין?
חלוצים זיינען דאָ!
ס׳איז דאָ אַן אַנהאַלט נאָך. אַן אַנהאַלט… איך וויין נישט. ניין, די אויגן זיינען מיר
נאָר קוים פאַרטרערט.

יצחק! ר׳האָט יענע וואָך געבראַכט אַ גרוס פון קראָקוי מיר:
לאָבאַן! לאָבאַן דער חלוץ האָט
אַ באַריכט אים אָפּגעגעבן וויפל אַפּיצירן, אויסוואָרפן פון דער עס-עס מען האָט
אַוועקגעלייגט… אַ גרוס.
און ביים באַריכט: …הענט הויך!״ לאָבאַן אין אָפיצירן-מאַנטל איז אַרעסטירט.
יצחק אַנטלויפט. דרייט פרעמד אין שטאָט
אַרום מיט אַ פוס אַדורכגעשאָסן. ס׳בלוט רינט אין שטיוול… יצחק! ליגט!
ליגט! וואָס מאַכט דער פוס?

דאָס איז געווען דער זיבעצענטער יאַנואַר. יאָר דריי און פערציק. איך בין
געבליבן דאָרט די נאַכט.
און אַז ס׳האָט אָנגעהויבן קוים צו טאָגן (בעסער ווען עס וואָלט נישט ווערן שוין.
נישט קיינמאָל טאָגן!)
איך בין אַרויס אין גאַס. געגרייט אין וועג זיך. פון זאַמענהאָף אויף נאַוואָליפּיע —
דאָס געטאָ איז פאַרמאַכט!
עס-עס צעיאָגט אונדז: צוריק! ס׳קומען אָן זשאַנדאַרמען. הויך די ביקסן.
צעשטעלן זיך. אויף יעדן ראָג.

שוין ווידער? ווידער? וואָס קאָן שוין זיין דאָ ווידער? עס איז דאָך אויס מיט
אונדז — אַך, ס׳ווערט מיר קאַלט און הייס.
איך גיי צוריק צום זון, צו די חלוצים… זיי ווייסן שוין, ס׳האָט ווער פון דרויסן
שוין געבראַכט די נייס.
צביהו זע, יצחק, ער אויך איז אויף די פיס, אויף דעם געזונטן און דעם
דורכגעשאָסענעם — ווער ווייס
צי ס׳רינט דאָס בלוט פון אים נישט אין דעם שטיוול? ר׳האָט מיך געזען
און איז פון בלאָס געוואָרן ווייס.

ווי קאַלך… ר׳זענט ווייס ווי קאַלך: יצחק! איך האָב׳ס אים נישט געזאָגט… ער
רופט אַ חלוץ צו — …גיי גלייך
און זוך אַ בונקער אויף דאָ אין דעם הויף און פיר אַריין זיי׳׳… איך נעם יצחקן
פאַרן האַנט אָן — הערן!

# (פ ר א ג מ ע נ ט)

יצחק! און כ׳דריק אים פעסט די האַנט. ער רויטלט זיך —
יצחק! איך וויל דאָ זיין מיט אייך...
צבי, אויב ער וויל... ער אויך. ער וויל נישט גיין יצחקן. און ס׳קומט אריין
אַ חלוץ און פאַרטיילט געווער.

זיי האָבן זיך געשטעלט. חלוצים אויף דער וואַך האַרט ביי דער טיר. אין אַלקער.
און העכער אויף אַ טרעפּ.
לעם פענצטער האָט ווער אויסגערופן שטיל אַלץ וואָס אין גאַס קומט פאָר. איך האָב
געקוקט פאַרשטיינערט אין אַ שויב.
זי איז אַרויס צום אומשלאַג... ווי מיר. מען פירט זיי שוין פאַרשוויגענע.
אַראָפּגעלאָזן טיף די קעפּ.
אָ, יידן מיינע. לעצטע מיינע פון מיין פאָלק! פאַרוואָס בין איך נישט בלינד?
פאַרוואָס בין איך נישט טויב?

שאָט. אַ געלאָף ושאַנדאַרמען צוויי אַנטלויפן. לענגאויס די גאַס. ס׳קומען צריק
באַלד מער. זיי צינדן אונטער אַ געביי.
א הייזל קליין צעפלאַקערט זיך אַנטקעגן מיינע פענצטער. אַ פייערלעשער
שלעכט אַנשטאָט צו לעשן בלאָזט
די פלאַם פונאַנדער. ר׳גייט צום דייטש צו. רעדט צו אים אויף פויליש: דאָ האָבן
זיך באַהאַלטן גאַנצע דריי!
מען שלעפּט אַרויס זיי —און ס׳רויטלט זיך דער שניי ווייס. און ס׳רויטלט
וואַרעם זיך אין פראָסט.

שאָט. שאָט! מען איז שוין דאָ ביי אונדז! איך זע דאָס פּנים
נישט פון דייטש. זיין פלייצע נאָר.
ס האָט קיינער אים, דעם דייטש אין פלייצע נישט געשאָסן. ער האָט אַ קויל באַקומען
אין דער ברוסט —
ער פאַלט. דער צווייטער אויך — ..די יודען שיסן!׳׳ האָט באַוויזן ווער פון זיי
דערשטוינט אַ רוף טאָן. יאָ. טאַקע וואָר!
זכריה! דו און גוטמאַן. אליעזר — דאָ חלוצים און אויף דער ניזקע — שומרים.
יאָ. יידן שיסן! זיי האָבן נישט געוווסט!

---

*) אין פראַגמענט ווערט איבערגעגעבן אַן עפּיזאָד פון ערשטן אויפ-שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. צווישן די געפאַלענע העלדן דערמאָנט דער דיכטער דעם חלוץ לאַבאַן. וואָס איז אַרומגעגאַנגען אויף דער אַרי-שער זייט אין אוני־פאָרם פון אַ דייטשישן אָפּ־ציר און איז אַרעסטירט גע-וואָרן אין קראָקע אויף אַ געהיימער טרעפונג מיט צוקערמאַנען. וועלכער האָט באַוויזן צו אַנטלויפן מיט אַ דורכגעשאָסענעם פוס. צוקערמאַן און צביה (לובעטקין) — אַ־צט טוער פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג אין פוילן.

**חיים נחמן ביאליק**

# אויף דער שחיטה

הימלען, בעט רחמים פאר מיר!
אויב דאָ איז אין הימל א גאָט און ער פירט מיט א זינען —
און איך קאָן דעם גאָט נישט געפינען —
זייט איר מתפלל פאר מיר!
איך — טויט איז מיין הארץ און קיין תפילה איז מער אויף מיין ליפ נישט פאראנען.
די האנט שוין ארונטערגעלאָזן און אויך נישט קיין האָפענונג מער —
ביז וואנען, ביז ווען נאָך, ביז וואנען?

דו תליון! מיין האלדז נא — און שעכט!
האָסט א האק אין דיין פויסט, שנייד מיר אָפּ ווי א הונט האלדז פון נאקן
גאָר די ערד איז א קלאָץ, מיר, דעם קאָפּ אָפּצוהאקן —
און מיר — מיר זיינען ווייניק, אָן רעכט!
הפקר מיין בלוט איז, קעפ מיך, א שפריץ טאָן דאָס מאָרד־בלוט זאָל בלענדיק,
דאָס בלוט פון א קינד און א גרייז אויף דיין העמד —
און נישט אָפּגעווישט ווערן אויף שטענדיק, אויף שטענדיק.

איז גערעכטיקייט דאָ — זאָל זי אָנקומען שוין!
נאָר אויב נאָכדעם ווי איך וועל שוין ווערן פון אונטערן הימל פארטיליקט
די גערעכטיקייט קומען באוויזן —
זאָל אונטערגעשוועכט זיין איר טראָנשטול און קרוין!
פון אייביקן אומרעכט דער הימל זאָל פוילן;
און איר אויך, איר בייזוויליקע, גייט מיט אַט דעם פארברעך,
לעבט אינעם בלוט און גייט אונטער אין גרוילן.

ווער עס זאָגט: נעם נקמה! — פארשאָלטן זאָל זיין!
א נקמה אזא פאר דעם בלוט פון א קינד פון א שלאָפן
האָט נאָך נישט דער טייוול באשאפן —
זאָל בויערן דאָס בלוט ביז אין אָפּגרונט אריין!
זאָל בויערן דאָס בלוט אין דער השכות די תהומען, און שאָבן
די פינצטערניש און די יסודות פון ערד, די צעפוילטע —
ביז ס'וועט זיי דאָס בלוט אונטערגראָבן.

אייר 1903

# דער טויטער שיפער

פון דוד איינהאָרן

די טרערן זיינען אַלע אויסגעוויינט געוואָרן
און אָפּגעשווענקט די שרעקן פון זכרון;
געבליבן בלויז איז טרויער, גרויער, טיפער,
וואָס וויגט, ווי כוואַליעס אום אַ טויטן שיפער.

די שיף, זי ליגט אין אָפּגרונט לאַנג פאַרזונקען
און טיף מיט איר נישט איין געליבטער ברודער.
אָ, דאַן, ווען אַלע שטערן האָבן איר געוווּנקען,
איז שוין דער טויט געשטאַנען ביי איר רודער.

אומזיסט די נייע פאָנען אויפגעהאָנגען,
אומזיסט די נייע זעגל אויפגעצויגן,
אומזיסט דעם אַלטן, גוטן פּאָרט פאַרלאָזן,
אין פרעמדע ווייטן אויסגעקוקט די אויגן.

נאָר וואָס געוועזן, דאָס איז דאָך שוין פאַרפאַלן
די כוואַליעס גייען און די כוואַליעס קומען,
די אויפגעשוימטע קאַמען אין לבנה שטראַלן,
זיי בלייבן אַרום מיר ווי גרויסע ווייסע בלומען.

אָ, וויג מיך טרויער וויג, ווי אין אַ וויבן אָרעם.
דו ביסט דאָך שוין ביים וויגל מיינס געשטאַנען.
האָסט מיר מיט גרויען חן פאַרצירט מיין יוגנט,
ווען איך האָב דיר נאָך נישט געגעבן פאַרשטאַנען.

דאַן האָסטו מיך געפירט אין פוסטע שולן,
דעם לעצטן זיפץ צו הערן פון בעל־תפילה,
צו זעען דעם לעצטן יידן דאָרט פאַרשווונדן
אין נעפל פון אַ תשרי־נאַכט אַ שטילע.

איך בין מיט דיר געגאַנגען, ווי פאַרכישופט,
לעם מיר די שכינה איינגעהילט אין שוואַרצן,
דורך פוסטע גאַסן, וויסט פאַרלאָזטע הייזער
מיט אַ געוויין אַ ביטערן אין האַרצן.

עס איז געוועזן אַ פאָרגעפיל אַ שטומער
גלייך ווי די ערשטע געלע בלאַט סוף זומער,
וואָס גליצט זיך אומבאַמערקט דורך גרינע צווייגן
און פילט דעם וואַלד אָן מיט געשפאַנטן שווייגן.

איצט זיינען לידיק דאָרטן אַלע שולן —
אַ היים פאַר פלעדערמייז און אַלטע סאָוועס.
בית־עלמינס איינזאַמע, ווו קיינער וועט נישט
קומען מער אַהין אויף קבר אבות.

אָ, וויג מיך, טרויער, וויג אויף ווייכע כוואַליעס
און זאָלן זיי מיך אָט אַזוי פאַרטראָגן
צום אינדזל, ווו דער נביא ירמיהו
זיצט אייביק איינזאַם און גיסט אויס זיין קלאָגן.

דאָרט לאָז מיך ליגן אויפן ברעג דעם וויסטן
צווישן פעלדזן נאַקעטע און הערן
דעם אייביקן געוויין פון גרויסן חורבן
אונטער אַ הימל גרוי און פוסט אָן שטערן.

חיים גראַדע

# דער מאַמעס צוואָה

(פראַגמענט פון אַ פּאָעמע)

ס׳דערוויטערט זיך, מאַמע פון מיר דיין געשטאַלט,
און ווערט, ווי פאַרטאָג די לבנה אַלץ בלאַסער.
נאָר בלאָנדזשעט דיין טרער אינס נעפל און שטראַלט,
און שטאַרבט אין מיין בליק ווי דער טאָג־שיין — אין וואַסער
ביז ווייטיק איך שטרענג מיין געדעכעניש אָן,
אַרויסרופן וויל איך דאָס ליכט פון דיין פּנים,
מיין אייגענעם קערפּער וואָלט איך אויסגעטאָן,
און דיך צו באַלעבן מיט לייב — אָנגעטאָן אים.
נאָר ווער קען פאַרפרעסן אין דלאָניע דעם טוי?
דיין אָנבליק רינט אויס פון מיין מוח דעם מידן,
דו פירשווינדסט, ווי אַ זעגל־שיף רואיק אין בלוי.
און הויך ביז מיין האַרצן די אָפּגרונטן זידן.

נאָר ס׳טרעפט, אַז איך ליג מיט אַ קאַלטן געזיכט,
ווי אַ שטיין אויף אַ קבר — אַ שטומער, אַ בלייכער.
טאַפּט אָן מיר אין טונקל אַ שטרייף אומגעריכט,
און מיין שטייניק פאַרשלאָסן געזיכט ווערט דאָן ווייכער.
פאַמעלעך מיין קאָפּ צו דער טיר דריי איך אויס,
ווי ס׳דרייט אויס אַ קראַנקער דעם קאָפּ צו זיין רעטער, —
דו שטייסט, אויפגעשיינט, אויפן שוועל פון מיין הויז,
און לויכסט אין דער נאַכט ווי אַ לאָמפּ צווישן בלעטער.
און פריש איז דיין גוף, ווי געטובלט זיך ריין
וואָלסטו זיך ביי שרהן אין שוים — אין גן־עדן,
ווו דו ביסט אַ קינד שוין געוואָרן אַליין,
און שטיל און מיט ליפּשאַפט דו נעמסט צו מיר רעדן:
— נישט קלאַמער, מיין קינד, אָן מיין שאָטן זיך מער.
פאַרגעס וויפל איך האָב געליטן ביים שטאַרבן.

און אויב מיט מיין אָנדענק איז לעבן דיר שווער —
פאַרגעס אויך מיין פּנים, די אויגן, די קאַרבן.
נאָר וויינען וועל איך אין מיין קבר פאַרשעמט,
אין שטויב מיין געביין וועט קיין רו נישט געפינען,
אויב איך אין דיין האַרצן וועל ווערן דיר פרעמד,
און ס׳וועט מיין צוואה אַרויס פון דיין זינען:
געדענק דיינע ברידער, דיין שטאַם נישט פאַרגעס,
דו זאָלסט אין זיין צער מיט דיין טרייסט אים דערפרייען, —
ווייל לעבן געבליבן ביסטו דורך אַ נס,
און איך האָב גענומען אויף זיך דיינע ווייען.
ווען באַרוועס געשטאַנען בין איך ביי דעם ראַנד,
געזען האָבן איך דיך און דורך טרערן געשמייכלט, —
ווי איינער וואָס קומט אָן אין הייליקן לאַנד,
און לאָזט זיינע שיך ביים אַריינגאַנג אין היכל..

# ער

אויפֿן וועג אשכאבאד — דושאם־בע,
שווער קרעכצן וואגאָנען ווי קייטן,
איך פֿאָר דורכן מדבר — און זע
אויף וויאָרסטן, ווייט איינער פֿון צווייטן,
שטייט פֿאַרטריקנט דער בוים סאקסאאול.
מיט הענט און מיט פֿיס אויסגעדרייטע,
ווי א גייסט וואָלט ארומגעטאנצט דול
אויף טויטע אין זאמדן פארווייטע, —
שרייט אין שטורעם דער בוים סאקסאאול:
— אָ, ווער האָט פאריאָגט אייך אהער?
ווערט דער מדבר מיט יאָמערניש פֿול:
דאָס האָט ער —
דאָס האָט ער —

ביי דער שטויביקער אלטער מארי.
וווּ דער צוג שטעלט זיך אָפּ טרינקען וואסער,
און קילט אָפּ זיין שטאָלענעם גליי,
שטייט א ייד, א שווארצבערדיקער בלאסער.
פֿון ווארשע, פֿון קעלץ צי בענדין,
צווישן רואיקע ברוינע טורקמענער,
ער שווינדלט אהער און אהין —
און פֿארשווינדלט זיין קאָפּ פֿאר א צענער.
דער צוג טוט א קאלטן געהויל,
צעקרעכצן די רעדער זיך שווער,
שרייט דער ייד נאָך מיט שויב אויפֿן מויל:
דאָס האָט ער —
דאָס האָט ער —

ווען מיר פֿאָרן אריבער קאגאן,
דערזע איך דעם יידן דעם זעלבן.
ער לויפֿט נאָך פֿארהונגערט דעם באן,
מיט א פּנים א בייניקן, געלבן,
ס׳איז גראָ שוין זיין קאָפּ און זיין באָרד,
מיר זיינען איין טאָג קוים געפֿאָרן,
א הענדלער געווען איז ער דאָרט —
און דאָ שוין א בעטלער געוואָרן.
ס׳איז צעפֿליקט זיין רבנישע קלייד,
זיין האָריקע ברוסט ווי א בער,
כריפּעט אוים נישט פֿארשטאנדיקע רייד:
דאָס האָט ער —
דאָס האָט ער —

די זון האָט באקרוינט דושאם־בע,
אירע בארגיקע שנייאיקע לאָקן,
איך גיי אין באגינען — און זע
אנטקעגן מיר קומט אָן דער זקן,
וואָס איך האָב געלאָזט אונטערוועגס — — —
ער זאָגט מיר: מיין ווייב איז געשטאָרבן,
און קינדער געלאָזט האָט זי זעקס,
וועל איך איצטער טראָגן זעקס האָרבן!
האָב איך מיט דער קבורה געוואַרט,
ביז דו ביסט געקומען אהער,
וואָס ביסטו פֿון אימה פֿארשטאַרט?
דאָס האָט ער —
דאָס האָט ער —

בנימין טענענבוים

# צו דער ערד

װעסט גרױסן ײך מיט דײנע זין מיט אַ דור װאָס זײן קראַפט פון אים קװאַלט,
װי ברידער פון װוּקסיקע בױמער, מיט קרױנענ די העכסטע אין װאַלד.
װעסט מוטיקע טעכטער געבױרן; פון פרי ביז אין אָװנט אַרײן,
געאַרעמטע װעלן זײ שפּאַנען, פאַרשיכּורט פון רחבות און שײן.
מיט שװײס דיך באַפרוכפּערן, אָפּגעבן דיר זײער מאַרך, זײער קראַפט,
אין אײביקײט זינגען װי דו, און װי דו שװײגן שטיל און פאַרגאַפט.
ס'װעט פלאַמען אין דיר זײער בלוט, זײער זוימען װעט זײן—דײן פאַרזײ,
און סאַמע דאָס טײערסטע ברענגען צו דיר אַ געשאַנק װעלן זײ.
און װען עס װעט אױפגײן דער שטערן און קילבלעך אַ נאַכט־שאָטן פאַלט,
שטום װעלן זײ רוען אײַנגעװאָרצלט װי בױמער אין װאַלד.
די הערצער, װאָס קלאַפן צו דיר צוגעדריקט, צוגעפרעסט צו דײן ברוסט.
און אײַנגעשפּאַנט האָרכן: אױך דו האָסט אַ האַרץ. װאָס זי קלאַפּט און זי גלוסט.
און מעכטיק אַזױ איז איר קלאַפּן, איר װידערקול הילכט און באַפעלט.
אַ ליבע צו פאַרמערונג, צו בליאונג. צו בלוט װאָס אין שפּראַצונגען קװעלט.

װײַל שטיל האָב איך דיך דורכגעװאַנדערט, און איך האָב דײַן רחבות דערקענט,
דאָ פּלײנען, דאָ־כװאַליקע בערגלעך, נאָר שטענדיק פאַרװיסט און פאַרברענט.
בײטאָג האָט געפרעסן דיך היץ מיט איר אָטעם פון גליאיקן קױל
דײַן נאַקעטיקע קלײד האָט צעפליקט דער שאַקאַל מיט זײַן עלנט געהױל,
און דו אַ פאַרלאָזענער אָרט, װי דער רױבער דער װילדער רױט אָפּ—
ער האָט דײַנע ברודער געקעפט, און דײַן קװאַליקן ברונעם פאַרשטאָפּט.—
אומזיסט האָט דער װינט דיך געגלעט, אין אַ שאָל דיך פאַרהילט, נאַקעט־ערד,
אומזיסט אין די נעכט האָט דער הימל געטראָפּנט, מיט שטערן געטרערט.
דערפאַר האָט באַװײנט דיך דער װאָגלער, זײַן האַרץ איז אַריבער איר ברעג,
דערפאַר שענק איך דיר אַ נבואה, אַ געזאַנג פאַר קומיקע טעג:

װעסט גרױסן זיך מיט דײַנע זין, מיט אַ דור, װאָס זײַן כּוח קװאַלט הײס.
די טעכטער װי װוּקסיקע בױמער, דיר ברענגען אין עלנט אַ טרײסט,
װעסט רואיק געזעטיקט צעשפּרײטן זיך קעגן דער נאַכט, קעגן טאָג,
װעסט שפּילן אױף צײַטיקן װײץ אױף געצװײַג, אױף אַ קװעלעכל, װאָס שלאָגט.
װעסט האָניק־זיס יובלען אַ ליד אױפן אָרט, װוּ דער װעג זיך צעשײדט,
פון צװײַגן־געפלעכט װעט דיר ענטפערן—פידל און אָרגל און פלײט.
בײטאָג װעסטו רײַפן אין זון, זי װעט שמײכלען צו דיר אין דער שטיל.
בײַנאַכט װעלן שעפּטשן די שטערן, און צערטלען דער װינט װעט דיך קיל,
די טעכטער אין שײַן װעלן אױפגײן, די זין װעלן שטראַלן אין ליכט.
און זינגען, װען זײ מיטן קערנער־זאַק, װעלן דיך זײען געדיכט.
אַ ליבע צו פאַרמערונג, צו בליאונג, צו בלוט װאָס אין פלאַנץ קװעלן אַרױף
אַ ליבע צו דער ערד דער געטרײַסטער, צום פרילינג װאָס שטאַרבט און לעבט אױף.

פון העברעיש: חיים גראַדע

# אַזוי איז עס

פון א. לעיעלעס

אַזוי איז עס. אַזוי וועט זיין.
געבליבען בלויז אַ ציפער.
די ערד האָט זיך געריכערט, דער הימעל האָט געשוויגען,
און פון ברידער, שוועסטער,
פון קינדערשע לאַכענדיגע מיילעכלעך —
געבליבען בלויז א ציפער, א מיספר, א צאל.

זומער וועט זומערן, ווינטער וועט ווינטערן,
און אונז וועט בלייבען אַ ציפער, א מיספר, א צאל.

עס קאָנען נישט אומערן לאַנג די געביינער פון מענשען.
טיפער, אַלץ טיפער
וועט געטריבען ווערען דער ווייטאָג פון דעם שניט.
און אויבען וועלען זיך ברייט עפענען די פענסטער
צו די פליינען פון פאַרגעסונג,
פון דער גרויסער פאַרגעסונג.

אַמאַל בלויז, אין א נאַכט,
וועט א זקן אויפ'ן טויטענבעט
דערפילען דעם שניט, אויפברענען פלאמיג מיט'ן שניט
אין דעם אייגענעם האַרץ,
און נישט קאָנען שטאַרבען.
און אַ חתן אין דער חופה־נאַכט —
נישט קאָנען באַשאפען א ניי לעבען.

אַרום וועלען זיך ציען פאַרשאָטענע פליינען
און די ווינטען פון פאַרגעסונג
וועלען בלאָזען אין צעפראַלטע פענסטער.
בלויז אונטען, טיף אונטען,
און אין די הערצער פון די וויניגע,
וועט גליען דאָס פייער פון דער ציפער —
די ירושה און צוואה פון אַ פאָלק.

ביז —
א לעצטער צו געדענקען,
צו ליגען אויף דער ערד און פאַסטען א פאַסטונג,
וועט אויפשטיין אַ גערעכטער,
און ברעכען ברויט, און ווערען
אַן ערשטער צו געבען א נייעם לויב
און זינגען דאָס געזאַנג פון אַ ניי לעבען.

# אָן רחמנות

גרויע טעג און שווערע ווערטער,
בלייאיק־כמאַרעדיק געמיט.
אין דעם מוחס טיפסטע ערטער —
ווי אַ שוואַרצער מעסער־שניט.

פּנימער ווי אין טומאַנען,
מוטנע אַלע, בלייך און גרוי.
און דורך שטויביקע טולפּאַנען
טיפע אויגן פון אַ פרוי.

אין די אויגן צערס מתנות:
טרערן, וואַרעמקייט, און גלי
פון פאַרגעבונג און סבלנות,
און הכנעהדיקע קני.

נאָר פון צווייטער זייט — אַן אַנדער
גאָר אַן אַנדער אויגן־פּאָר:
הייסע דאָרשט, געיעג און וואַנדער,
נאַכטיק בריענדיקע וואָר.

חושך צווישן ביידע בליקן,
איך — אין סאַמע חושך־מיט.
צווישן ביידע קיין שום בריקן,
סיידן דורך דעם האַרץ אַ שניט.

טויטער טאָג און ווערטער פינצטער,
אונטן דנאָ, נאָך דנאָ, נאָך דנאָ.
אין די ווערטער נישט דער מינדסטער
אָנזאָג אויף רחמנות־שעה.

# אין אַ צייט אַזאַ

מרדכי יאַפע

## מיין יידיש

מיין יידיש טראָג איך צו נאָך, צו באַדינען,
ווי פולן כוס אויף האַנט פון ניט געניטקייט;
און ביז איך וועל נאָך זיך אַליין געפינען,
וועל איך נישט איינמאָל שטרויכלען נאָך אין מידקייט.

איך זוך נאָך אַלץ דאָס רויע וואָרט פון פּראָסטקייט,
וואָס טערפּקעט מיט זיין זאַפטיקייט דעם גומען;
דאָס וואָרט, מיט ריח פון דער ערדס באַגראָזטקייט, —
דאָס ליד וואָס צאָלט אַ חוב מיט ברויט,
און איז ניט קיין געשאַנק פון בלומען.

פאַר וועמען בלומען? — פאַר עקיבא, וועמעס
„אחד" שטייגט אויף, ווען ס'לייב געפליקט פון צוואַנגען?
צי פאַר הירש לעקערט, וועלכער פאַרן אמת
פון צייטן — ווערט געפייניקט און געהאַנגען?

פאַר שלמה מולכו? צי פאַר דעם פאַרברענטן
אין שול, בעת ראַטעווען אַ ספר־תורה?
צי גאָר פאַר די, וואָס לאָזן זיך ניט פענטן —
אפילו שטאַרבנדיק — פון היטלערס גזירה?

פאַר וועמען בלומען? — פאַר די שטילע קדושים?
פאַר די מאַרטירער מיט די געלע לאַטעס? —
איך האָב געמיינט, אַז איצט, ווען ימען טרערן רוישן,
וועט זיין מיין יידיש פאַרכטיק, ווי אַ „קדיש".

איך האָב געמיינט, אַז פאַרט וועט מען דערהערן
די שטים פון בלוט וואָס קיין האָט פאַרגאָסן;
ווי זאָל איך זינגען פון לבנה און פון שטערן,
אַז הבלס בלוט איז איצט דאָס יידיש לשון.

מיין יידיש טראָג איך איצט — אַ רויז וואָס שטעכט מיין —
מיט ליבע ריחות טריפנדיק — די פינגער.
און ס'איז מיין תפילה:
אַז קומען זאָל דאָס וואָרט, וואָס'ט מאַכן עקט מיך,
און ס'זאָל ניט זיין מיין יידיש פאַר מיין לעבן גרינגער!

# איך

איך שעם זיך איצט צו ריידן וועגן זיך —
צו אַלדי בייזע רוחות!
ווער קאָן נאָך איצטער אויפהייבן די לוחות
מיט דעם געבאָט וואָס הייבט זיך אָן מיט איך,
ווען קיינער אויף דער וועלט איז איצט ניט זוכה
צו קריגן כאָטש אַ שערבל פון צעשמעטערטן אָנוכי?

צי קלינגט דער נאָמען מענטש נאָך—ווי ביי גאָרקין—שטאָלץ?
איך בין אַליין דער קרבן און איך טראָג אַליין דאָס האָלץ
פאַר זיך צו דער עקדה; און איך אַליין—דער צוגעגרייטער
ווידער,

דער צעשראָקענער און מידער,
וואָס איז פאַרפלאָנטערט אין געצוייג.
איך בין אַליין דער קרבן־שפיל פון עמיצנס געוויסן,
כדי אַז עמיצער זאָל וויסן
אַז איך בין שטיל־הכנעהדיק — אַ סימן אַז איך שווייג.

איך ווייס, אַז איך דאַרף שווייגן. עס איז אַ שאַנד צו שרייען,
פאַרוואָס איך זאָל דער קרבן זיין פון וועלטס נסיון.
און ווען מען קאָן איך איצט מיין לעבן און מיין זעל געטרויען,
אַז דאָס געשריי איז אויך שוין איצט ניט קיין כלי־זיין,
און ס'קאָן שוין ניט דאָס שרייען: „העלף!"
דערשרעקן דאָך אפילו אויף אַ ווייל — די וועלף.

איך שעם זיך, וואָס כ'האָב אנגעהויבן פאַרט מיט איך,
אין אַזאַ וועלט, אין אַזאַ צייט צו ריידן וועגן זיך.

# שארית־הפליטה

## פון יצחק פערלאוו

*1*

אין טראכט פון דער מוטער, זאל פוילן דער זאמען
פון די, וועלכע האבן געשמירט אונדז דעם נאמען.

געשריבן מיט בלוט פון קדושים, מיט פייער,
מיט שענדן. וואס הייליק איז אונדז און וואס טייער.

מיט קרבנות צום אפגאט פון העכערע ראסן –
דער מענטש זאל אליין זיך אויף אייביק פארהאסן.

פון וועלדער פאליעסער, דער ייד פארטיזאנער,
פארהאסט איצט זיין ברודער פון סטעפ קאזאכסטאנער,

און ביידע פארהאסן דעם ברודער דעם דריטן,
פון בונקער, וואס היטלער האט אים נישט פארשניטן.

און וועמען ס'איז געלונגען פון טויט זיך צו רעטן,
פון געטא, פון אויוון, פון גאז, אין קאצעטן –

פארהאסט אים זיין ברודער פון „ארישער זייט"
און יעדער מיט גאל אים אין פנים עס שפייט.

מיר זיצן אין דייטשלאנדס גאלערנע שטייגן,
„אונררא" גיט פראשקעס און „דזשוינט" גיט אונדז פייגן.

צעריסענע גאטקעס מיט גאנצע הבטחות
און לעבט אייך און ווערגט אייך אליין אויף צו להכעיס.

און שפילט אייך טעאטער און גיט ארויס בלעטער
און זוכט זיך די „קאפאס" און זוכט די פאררעטער

און פרעסט זיך אליין אויף איינער דעם צווייטן
און זעצט זיך אין תפיסות און טוט זיך אן קיטן.

און ווער נישט געשטאנען איז פאר קיין נסיון –
איז סיי־ווי א פארך ביזן צאפ ביזן גרויען

געפאלמעסט ביי יעדן איז זיין געוויסן,
עס איז אונדזער תורה פארברענט און צעריסן.

מיר זענען געפאלן, מיט אונדז אויך – יעהאווא!
אזוי־ווי דאס שילדעלע „שענקט א נדבה"

וואס הענגט אויפן האלדז פון דעם בעטלער דעם בלינדן –
איז „שארית־הפליטה" אויף אונדז אנגעבונדן

אין טראכט פון דער מוטער, זאל פוילן דער זאמען,
פון די, וועלכע האבן געשמירט אונדז דעם נאמען!

**יצחק פערלאוו**

# א כ ט   ש ו ר ו ת

פו׳ בוך לידער באלארו א׳ פאעמע,
א. נ. „אונדזער לקוי־חמה” וואס א׳!
דערשינען. איז מינכע׳.

קינד מיינס, ס איז די קריג געענדיקט,
קענסט דאס דייטלעך זען:
פון אלע לענדער קומען דייטשן
צוריק א היים פון פלען.

ווארט א קופל ביר אין שענק,
די שווארצע קאווע ברייט; —
און אין לאגער א פארשפארטער
זיצט דער גלות־ייד.

פון געפאנגענשאפט די דייטשן
קומען שוין א היים; —
איבער שניי־בערג וואגלען יידן,
וואגלען אין געהיים.

— שטילער, שטיל מען וועט דערהערן!
עלנט. גרויל און פראסט.
— ווי זאל א קינד ניט וויינען? ס פרירן
אויערלעך און נאז!

פון דעם אדער ביז צום ירדן,
פאלג־זשע מיר א גאנג!
ביי דעם אדער זינגען דייטשן
ווידער א געזאנג.

איבער גרענעצן באוואכטע
שלייכן מיר זיך אלץ: —

א קינדער־טרער אין ים־המלח —
וואס האט טערער זאלץ?

ווייל כ׳קען דאס הארץ ניט ארויסרייסן,
צו לייגן אונטער אייערע טריט —
וועל איך רייסן פאר מעפּילים
פון מיין הארץ דאס ליד:

טרייסט פאר אייך פאר די וואס גייען,
עס זאל שטארקן אייער גאנג: —
ס׳ווארט א שיפל ס׳ווארט דער נגב,
ס׳ווארטן ברידער מיט געזאנג — — —

ניט פון ווייטן כ׳שיק מיין ברכה
אייך אין שווערער צייט; —
מיט מיין פרוי און מיט מיין קינד,
מיר גייען זייט־ביי־זייט.

אנשטאט קלומיקלעך. מיר טראגן
ווערטער פון דעם ליד. —
עס זאל דרייסטער זיין און מוטיק,
זינגענדיק די טריט.

ביי די ברעגעס וואכט דער שונא,
לויערט שטיל און שא.
מוטיק יידן! אויף דעם שונא
לויערט הגנה!...

הגנה!... — אין אונדזער אויר
קלינגט עס, ווי מוזיק!...
הגנה!...: הייסט: עם־ישראל
לעבט אויף אין לאנד צוריק!...

נחום באמזע

# קידוש־לבנה

אַ לבנה־שטראַל האָט מיין אויג פאַרשטאָכן
אין אַ פשוטן מיטוואָך אין דער וואָכן.
אַ נעפּל־שטרייף האָט דעם האָריזאָנט פאַרעלטערט,
דער הימל איז אויסגעפּוצט אין זילבער־קנעפּ.
די יידן אין לבנה־שטעטל וואַרטן
ביים בית־המדרש פאַר די טרעפּ.
די פּויערים זענען בייז! — זיי קוקן:
יידן שאָקלען זיך, יידן בוקן
זיך פאַר דער לבנה.
פּויערים פירן פונעם וואַלד פורן שפּענער
און לאַכן הויך, שטוינען פאַרחידושט:
— ווען נישט זיי, די זשידעס,
וואָלט די לבנה קיינמאָל ניט געוואָרן קלענער...
פּויערים פירן אין די שענקן בראָנפן־פעסער — —
די פערד דרימלען, פּויערים — שיכור — דרימלען:
די יידן שעפּטשען פאַרבענקטע צו די הימלען
און איך זע: די לבנה ווערט אַלץ גרעסער, גרעסער...

1945

## נחום באַמזע

### היים

איך האָב שוין גאָרנישט פון מיין היים,
מיין העמד איז ניי. די שיך שוין נייע,
נאָר איך געדענק נאָך דאָס געוויין
פון די היימישע לוויות.

עס טרעפט שוין אָפט: איך פאַרגעס
די, וואָס כ׳האָב אַמאָל פאַרלאָזן.
קומט צו חלום מיר (וואָסער נס)
מיין מאַמעס קבר צווישן גראָזן.

זי שלעכט צו מיר, נאַכט, זי ביז טרוים,
דערמאָן, איך זאָל נישט פאַרגעסן:
פון אַלע ביימער איז נאָענט דער בוים,
דער אָפּגעדאַרטער פון מיין געסל.

פון אַלע טעג איז נאָענט די נאַכט,
וואָס פּרוווט אין חלום מיך דערמאָנען,
פון אַלע וועגן איז נאָענט דער שליאַך,
וואָס פירט צום קבר פון מיין מאַמען.

איך האָב שוין גאָרנישט פון מיין היים.
מיין העמד איז ניי. די שיך שוין נייע,
נאָר איך געדענק נאָך דאָס געוויין
פון די היימישע לוויות.

בנימין טענענבוים

# איך האָב געמאָסטן

כ'האָב געמאָסטן מיינע טריט צו דיר מיט געוויין,
עפן דיין טויער! איך בין מיד שוין פון גיין.
אַ מתנה געבראַכט דיר מיט פאַרבלוטיקטע הענט —
אַ בינטל פון ווערטער וועגן מענטש, וואָס געשענדט..

שוין גאָרנישט פאַרבליבן, אחוץ ווערטער פון שרעק,
אַ פאַרחלשטער כ'האָב זיי געזאַמלט אין וועג.
נאָך נעכטן געקלערט צו באַגראָבן מיין וואָרט
און שווייגן אין חלל אויף מיין אייגענעם מאָרד.

און אויב נישט פאַרשיט עס מיט ערד און מיט שטויב —
איז אַ וווּנדער פאַראַן, וואָס זיין זאָל געלויבט!
דעם נאַקעטן בוים ער וועקט אויף אינעם וואַלד —
און אַנשפּאַר דעם וואַנדערער איידער ער פאַלט.

איז געקומען אַ פרילינג מיט גרינקייט און טרוים,
מיט צווייגן באַלאַדן באַגלייט מיך אַ בוים.
אַ בין, וואָס פון בלום זויגט די זיסקייט מיט מי,
אַ שמעטערלינג, וואָס ווערט נישט מיד אין זיין פלי.

געשפּאַנט איבער פעלדער צעכוואַליעטע גרין,
געזוכט אין דער בלויקייט פון הימל אַ זין.
אַ בלום אין איר וואַקסן האָט צום הימל געלאַכט,
אַ קנאָספּ האָט געציטערט — אַ תּפילה ביינאַכט.

אַנטפּלעק מיר, אַ פויגל, דערצייל דו מיר, גדיל,
דעם באַשייד פונעם גראָז, וואָס וואַקסט אין דער שטיל.
איך פאַל כורעים צו ערד, צום קנאָספּ און צום זאַנג,
אַ לערנט מיך פאַרשטיין איינער הייליק געזאַנג.

האָסט מיר, ערד, אויסגעהאָפּט אַ קאַלירטן דיוואַן,
אַ לויב צו דעם טאָג, וואָס איך לעב, בין פאַראַן!
אַ טייך און אַ פויגל זינגט אין בלויקייט געהילט,
אַ, נעמט מיך אַריין צו אייך אינעם שפּיל!

אַ בינטל פון ווערטער מיט בלוט און מיט פּיין —
אַ לערן מיך ערד, צו פאַרגיין און צו זיין.
צו וויאַנען און בליען ווי ס'גראָז, ווי אַ בלום —
צו הערן מיין שטים אין אייביקייט־רוים.

ייִדיש: **נחום באָמזע**

פון
יעקב דאַסין

# מיין צוואה

צי ווייסטו, איד? וואו בלוט שרייט פון די גריבער
פון מאַסען-גריבער, קברים לאַנג און ברייט,
דאָרט טויט-געפאַלען זענען דיינע ברידער,
דארט ליגען טאַטע-מאַמע דיינע טויט!
צי ווייסטו, איד? וואו ס'בלאָנדזשען נאָך נשמות
פאַרפייניגטע פון מוטער, פאָטער קינד,
דאָרט שרייען הימלען און די ערד: נקמה!
נקמה פאַר די שוידערהאַפטע זינד!

אויב איך פון מערדערהאַנט אַ טויט-פאַרלעצטער
וועל פאַלען היינט צי מאָרגען אויף דער ערד,
און דו וועסט זיין דער איד, וואָס איז דער לעצטער
פון אַלע אידען אויף דער וועלט,
זאָלסטו די טויט-קללה פון אונז, מיליאָנען,
ווי גיפט צעזייען איבער פאָלק און לאַנד
און בלוט-נקמה פאַר די מערדער מאָנען
און אָנצינדען אויף דער וועלט נקמה-בראַנד.

אויב איך וועל טויט צי היינט צי מאָרגען פאַלען,
און דו וועסט זיין אויף דער ערד דער לעצטער איד,
זאָלסטו דער פאָטער זיין פון נייע שטאַמען,
פון זיי דער פלאַנצער זיין, דער בויער און דער שמיד.
און כוחות זאָלסטו און אַ גייסט אַ ריינעם
פאַרפלאַנצען אין דעם פאָלק, וואָס אייביג לעבט,
אויף צו להכעיס זיי — די היטלער, שונאים,
וואָס אונז פאַרניכטען האָבען זיי געשטרעבט.

און אויב מיין גוף וועט זיין שוין טויט, געשטאָרבע,
זאָל גייסט מיין אייביגער באַלויכטען העל
דעם וועג פאַר פרישע דורות, פאַר דעם מאָרגען,
וואָס גייט, וואָס קומט, וואָס שטייט שוין ביי דער שוועל
פון נייעם לעבען, וואָס מיר מוזען בויען,
כדי שטאַרק צו זיין און גלייך צו יעדען פאָלק!
מוזט האָבען, איד, דיין לאַנד, ווי אַלע גויים,
דיין היים און ערד, אָנשטאָט דעם וואַנדערשטאָק!

(געשריבען אין קאָנצענטראַציע לאַגער פאַפערוואָלען,
רונראַבא, לעטלאַנד — אין יאָר 1943).

ב. י. ביאַלאסטאָצקי

# אונדזער דור

פון מינסקער בלאָטעס, פון ווילנער טורמעס ביז שניאיקן סיביר,
און פון סיביר ביז אונדזער יידישער אַמעריקע — — —
זכרונות, ווי די פּליטים, קלאַפּן אין דער טיר:
— נעמט מיט צום יום־טוב אונדז, איר פופציק־זעכציק יעריקע!

די טישן ווייס, די קליידער נײַ און סאַרוועס קלאַפּן מיט געשיר,
אויף טאָצן טיילט מען אויס אַ יעדערן זײַן ברכה.
נאָר מיר, זכרונות, וואַגלען־אום, און שלעפּן זיך נאָך איר —
נאָך אונדזער הייליקער און טראַגישער עפּאָכע!

אַ, אויסגעפּרואווטער דור! צי האָבן מיר פאַרזען? געבלאַנדזשעט אויפן יויג?
אין פּײַן, אין קאַמף, געוועזן זיינען מיר בטחונדיק, געדולדיקע;
געטרוימט, נאָר אונדזער טרוים האָט זיך אין שוים צעשלאָגן האַרט ביים ברעג,
מיר זיינען בעלי־שמחות, קען זיין מיר זיינען גאָר די שולדיקע.

אַ טאָג פון יונגשאַפט, אַ שעה פון אויפבּרוך, האָט אויפגעפלאַטערט אונדזער כאַן!
נאָר וואו איז זי אַוועק, פאַרשוואונדן יענע לייטערדיקע קדושה?
קען זײַן, אין ריס פון טאַטעס גאָט מיר האָבן צופיל שוין געשטעלט אין לאַן,
ווי יורשים ניט געטראַגן, נאָר איילִיק זיך צעטיילט מיט דער ירושה.

ווער האָט געצונדן גרויסן פלאַם? פון אויסלייזונג דאָס ליכט?
פּאַרטיליקט איז געוואָרן אונדזער גאַנצע עדה!
דער פלאַם האָט אויפגעברענט מיט טייפל־זשאַר, ווער האָט זיך דאָס געריכט? —
און איז פאַר אונדזער פאָלק געוואָרן אַן עקידה.

מיר האָבן וואונדן אָפּגעדעקט, אַראָפּגעריסן מאַסקע־קלייד, —
קען זיין, מיר האָבן אויך פּרוכתן צעשטערט און הייליקייט פאַרשוועכט;
און אויפן מלך־שליאַך אַוועק איז ניט אַ מענטש אין פרייער פרייד,
נאָר ס'איז אַוועק אַ מענטש, וואָס איז נאָך אַלץ אַ קנעכט.

האָ איז דער וועג געוועזן גלייך? און וואו געוועזן איז קרום?
אַ, ליידנדיקער דור! אַ, דור פון הייליקער מרידה!
אַ טרייסט — איין־איינציקע, אַז אויך דער דור אַמאָליקער, געבענטשט און פרום,
געהאַט האָט זיין אַראָפּפאַל־שעה — אַ שעה פון טראַגישער ירידה.

נאָר טרייסטן טאָר מען ניט. ווען קברים זיינען אונדזער איינציקער פאַרמעג,
אַ, סאַרוועס, טראַגט ניט מער די יום־טובדיקע כלים!
געהאַפּט, פון שטויב זיך אויפגעהויבן, — וואָס העלפט עס, אַז אויף אונדזער וועג
ניט בעלי־שמחות זיינען מיר, מיר זיינען גאָר אבלים.

מיר, טרוימער, אונדזער דור — מיר טרינקען כוס פון איובס סם;
נאָר אים, דעם טרוים אַליין, לאָזט פריי, און זאָל ער שוועבן איבער תהומען, —
און ווי אַ טויב וואָס זוכט אַ נעסט, זאָל טרוים זיך זוכן נייעם שטאַם.
און אין דעם עתיד הייליקן אויפסניי גאָטס נאָמען!!

# הנה מה טוב

פון אפרים אויערבאך

ווי אזוי טאנצט מען דיביימער אנטקעגן?
מיט געזאנג אין די אקסלען און ריינעם געמיט.
מיטן ווינט אין די האר און געבעט אויף רעגן,
אז די ערד זאל נישט טריקענען, גאט באהיט.

ווי אזוי בינדט מען צונויף די רינגען
פון באזונדע־ע הערצער אין איין קייט
אז די הענט אויף ברודער'ס אקסלען זינגען
און די פיס טופען אויס מטגטשלעבע רייד.

אז א ציבעלע און א פאמידארע
נאכן טאג פון ארבעט איז צום גומען זיס,
גייט אוועק אין דער וועלט אריין די הארא
מיט געזאנג פון בארוועסע יידישע פיס

ווי אזוי פארברענט מען די אויפדערנאכטן
אז דאס אש ווערט צעגליט מיט גילדענעם פונק?
מיט די פיס, וואס טאנצן אויס אונדזער טראכטן,
מיט געזאנג, וואס גייט פונם הארץ צו דער צונג.

טאנצט א לויב צו גאט, צו דער אייגענער זכיה
אין דער ערד צו פארפלאנצן די יונגנט, דעם ייד,
אז דערנאך זאלן יידישע ביימער בליען,
ווי דער חלום אייערער אויף שטיינער בליט.

ווי אזוי פאלט די האנט אויף א ברודער'ס אקסל?
מיט א צוטרוי און ליבשאפט, וואס קניפט און בינדט,
מיט אמונה, אז ער, ווי דו, וועט פארוואקסן
מיט צעזונגענער ערד, מיט רעגן און ווינט.

אין דער טיפער נאכט גייט אריין די הארא,
גייט אוועק איבער בערג, צו וועקן דאס לאנד,
און מיט איר גייען אויגן, ווי שטערן קלארע,
צו דערגרייכן די חרוב'ע יידישע וואנט.

פון דער וואנט גייט ארויס אנטקעגן א בת־קול
צו באהעפטן זיך מיטן הייליקן טאנץ,
ס'ווארפט די וואנט ארונטער איר חרוב'ע מאסקע
און א שטיין צו א שטיין ווערט זי יינג און גאנץ.

ס'ווארפט דאס לאנד ארונטער פון זיך די קארע,
ווי אן אנגעוואקסענע, פרעמדע הויט,
און מיט אייך אינאיינעם טאנצט עס די הארא,
מיט געזאנג צום מענטשן, וואס גראבט און בויט.

# ליד װעגן אַ הערינג

פֿון א. סוצקעװער

ביי דער אָפֿענער גרוב האָט צעװיינט זיך אַ קינד:
— מאַמע, עסן, עסן!
האָט די מאַמע אַ רגע פֿאַרגעסן.
אָדער עס האָט זי פֿאַרגעסן
דער,
װאָס האַקט אונטער די קני פֿון מעת-לעת׳ן—
און געשװינד געעפֿנט דעם קלומעק און ס׳קינד
געגעבן אַ הערינג צום עסן.

װי זילבער-גענאָד
האָבן קינדערשע ציין
דעם הערינג פֿאַרכאַפּט מיט הנאה.
נאָר שטיל, װי אַ נאַכטיגאַל װאָלט זיך צעזונגען
העט, איבער װאַסערן בלאָע,—
האָט אַ פֿייערדיק שנירעל געזאַנג
מיטאַמאָל
געטאָן פֿונ׳ם קאָפּ אַזאַ שפּרינגעל
און מיטגעשלעפּט אויך אין געבראָכענעם קרייז
צו דער גרוב
דעם נאַקעטן אינגעל.

און אַזוי איז געבליבן פֿאַרמירמעלט אין גרויל
דאָס בילד, װאָס אַנטרינט ניט פֿון זינען:
אַ קינד מיט אַ בלוטיגן הערינג אין מויל
אין איינעם אַ זמער׳ס באַגינען.
איך זוך פֿונ׳ם הערינג דעם זאַלץ
און קען אַלץ
אויף די ליפּן זיין טעם ניט געפֿינען.

װאַרשע, אויגוסט 1946

# ערב פרייהייט

דוד וואָלפע (אַ קאַפּיטל פון „פרייהייטס־לאַנד“)

אין אַפּריל האָט אויפגעהערט דאָס שטאַרבן
ווי אַלע וואָלטן זיך דאָ איינגעערדט;
און אויב פאַרבליבן איז נאָך ערגעץ־ווו אַ שטאַרבן...
האָט־ער צוגעוואַרט — ניט וועָרן באַלד אַ מת.
ס'האָט געוואַרט דער לאַגער און געפיבערט,
אינ'ם גאַרטל אייזערנעם נאָך אַלץ פאַרקראַמפט.
נאָר אַ ראָזע האָט די זריחה שוין געציטערט
ביי די ראַנדן פון דער פרייהייטס־לאַנד...
נביאות'דיק — צעטראָגן האָבן זיך די גוטע בשורות,
נחמו, נחמו עמי'דיק — צעשטראַלט אַ בלענדיק פרייד...
ניט מער געמינערט וועלן זיין אונדזערע שורות!
ניט פאַרטיליקן וועט מער דער וויסטער טויט!
מיר — נאָר רעשטלעך... דאָך איז עמיצער געשטאַרבן —
צעוואַלגערט אויסגעצאַנקטן גוף און לעצטן גאַנג...
— מער ניט שטאַרבן יידן! מער קיין איינציק קרבן.
ווייל אָט... אָט באַלד... ניט לאַנג!...
אַזאַ איינער — ווי אַ כהן גדול, האָט אַרומגעבלאַנקעט
מיט נחמות — אַזעלכע וואַרעמע אויף זיין צונג —
ווי ער וואָלט דאָס הייליקפייער אומגעטראָגן און פאַרשאַנקן
און אָפּגעהיט פון בטחון נאָך דעם לעצטן פונק.
האָט הימל אויפגעפלאַמט. אין בלוט פאַרטרונקען,
פון שרונות, רייקע און לוסטיקע ביים האָריזאָנט;
פון די ווייטן רויטע פינגער האָבן טאַנצנדיק געווונקען:
אָט גייט דער טאָג. ער קומט. ער קומט... שוין־נאָנט!...
שוין נאָנט... שוין נאָנט... האָט לופט געשמעקט מיט שברות
פון ראַזיקן באַגין. נאָך לאַנגע שוואַרצע נאַכט,
ווי אויך צוימע, שטעכיקע וואָלט קנאַקן זיך צעוויקלט
און געגאַרטן פריזונג און לאַגער דאָ געבראַכט...
האָבן ווינט עד זיבע — מילד געבלאָזן,
שיינער זילבערנע — געשימערט האָבן ווי אַ טרויב —
דערמאָנט אין היימען ווייטע, חרובע, פאַרלאָזן
הינטער יאָרן וואַגלען, הינטער יאָרן פּיין. —
כאָטש ציימנוויז איז נאָך פוכיק ווייסער שניי געפאַלן,
כאָטש דרויסן האָט נאָך די עווינטיקט אויסגעצערטע לייב,
האָט שוין געגאַנגט די בענקשאַפט צום טאָג, וואָס'ט באַלד אויפפאַלן.
ווי ס'לעכצט אין איינאַמקייט אַ מאַן צו ווייב...
אַ טריבער הימל איז נאָך שווער ווי בליי געהאַנגען,
און שטום די ערד אין גרוי באַראַק און קאָלט, —

ווי כ'אפטעס בינען – אעראפלאנען, אין געשוסמעריי פארגאנגען
און געצייכנט מיט א כתב של אש: דער טאג קומט באלדי –
צעפויקט זיך הארץ – א לוסטיקע קאפעלע
וועו סירענעס, ווי שאקאלן האבן אומעטיק געקלאגט;
עסקאדרילעס דורך די וואלקנס – זילבער־פויגל, העלע,
האבן אנגעזאגט: ער גייט. ס'קומט דער טאג!
א יעטוועדער פראפעלער האט געטראגן פרייהייט,
ווי א חנינה־שריפט, וואס א לויפער ברענגט מיט זיין גאלאפ,
צעפאכט פרייד און שלום אין דער נאנטער־ווייט
און פעטש'יע בלייבט אן אויסגעהוילטער עגול, אן א קאפ...
פון יעדן אויפרייס האט דאס בלוט מיט רו'ש געכוואליעט,
ווי א ים צעוויגט אין חדווה, ביים געבורט פון טאג:
„פיר פירער, פאלק אונד רייך" האבן זיך געסמאליעט
פוחדנים לעצטע, אונטער אייגן חורבה אין אן אייגן שטאט;
ווי פגירה'ס אין א שווארצער שטייג, ארומגעקלאמערט
האבן רעמלעך שווארצע זייער ימח־שמם;
און ווי אויף אנגעשפאנטע סטרונעס האט סירענע־יאמער,
א פרייגעכס אויפגעשפילט אויף עלעקטריזירטן צוים...
ערב־יום־טוב'דיק האבן הערצער זיך צעפלאטערט,
ווי פענער העלע אויף א בלוי־צעזונטן טאג;
אויף ליפן – תפילות האבן בלחש'דיק געציטערט,
ווי אויף פרוכטבאר באדן – גאלדיק־גרייטער זאט.
און א הימל – אנגעצויגן ווי א זיידן־בלוי פרוכת,
און בערג – ווי עטרות זילבערנע צעבלאנקט,
און יידן – וואס נאך זשיפן מיט די לעצטע כוחות
פון בטחון דורות'דיקן – און פרעמדן יאך און פרעמדע לאנד.
און ערד – א פריש־צעגרינטע ווי א רייצנד יונגע כלה,
און פייגעלעך – וואס צוויטשערן אן אייביק זוניק ליד;
ווי מיט א בונט א פעסטן אויף גארבן צייטיקע און פולע,
האט זיך אנגעגורט מיט האפנונג אן עבדים־ייד...
און א טאג – צעהילכט מיט טויבע דונערן און קנאלן,
ווי מכות פונ'ם הימל אויף די שונאימס קעפ:
סירענע־קלאנג – א נאנטער הארן־שאלן,
ווי ס'וואלט די לופט צעוויגט א פרייהייטס־גלאק!
האט אויפגעטויכט א פסח נאכט – א מעשה'לע פון קינדער־יארן,
פון א ווייטע, ניט־פארגאנגען, כשוף'דיקע וועלט:
א ווינטעלע פון פרייהייט – אויף דאס ניי געבוירן,
א ווינטעלע פון פרייהייט – ביי אן עבדים שוועל – –

פינצטערע נאַכט, בלויז דער ווינד און די שטערן.
פינצטערע נאַכט. איבער סטעפּעס און ימען
אַט שלאָגט שוין די שעה
און דורך ריזיקע פֿלאַמען
דונערט אַ קול, ווי פֿון מעכטיקע שטראָמען.
עס ציטערט די ערד און עס הילכן די תהומען.
„דער ריכטער פֿון אומשולדיק בלוט ער געדענקט זיי,
ער האָט ניט פֿאַרגעסן דעם וויי פֿון געדריקטע.
ער משפּט די פֿעלקער אויף סטעפּעס פֿול טויטע:
צעשמעטערט קעפּ אויף אַ שלאַכטפֿעלד אַ ברייטן".
דער דאָרשטיקער אָבער נאָך משפּט און רעכט,
וואָס וואָגלט אין מדבר אַ קנעכט ביי די קנעכט
און האָט ניט פֿאַרלאָרן אַ רגע זיין גלויבן,
„וועט טרינקען פֿון טייך און דעם קאָפּ זיינס דערהייבן".

דוד וואָלפּע

# שארית־הפּליטה

(פון ציקל „אויף דיין ערד, דייטשלאַנד...“)

קריכט אראפ יצחק
פון דער וועלטישער עקדה,
אויפס לייב אן אויסגעברענטער צייכן:
שארית־הפּליטה —

קלאַפּט ער אויף א ביידל
אין א דייטשיש שטעטל;
שווער איז אים אין ביידל,
עס שלאָפט זיך ניט אין בעטל,

ס'מאַטערן מחשבות
פינצטערע, פאַרדרייטע:
ווי דעם באַראַנס הערנער
איך — שארית־הפּליטה —

ווער האָט מיך פאַרפּלאָנטערט?
ווער וויל מיך דאָ האָבן?
צי וועלטישע עקדה
וואַרט נאָך אויף איר קרבן?

דורך טאָג. אים שטעכן בליקן
שנאהדיק, פול האַס;
שווער איז אים אין ביידל,
שווערער נאָך אין גאַס!

ווו זאָל ער זיך אהינטון?
די פעלדער ווייס־פאַרשנייטע...
ליג און פויל און וואַרט
ביסט — שארית־הפּליטה!

ווו זאָל ער זיך אהינטון?
די פעלדער שוואַרץ־פאַרזייטע...
ליג און פויל און וואַרט
ביסט — שארית־הפּליטה!

ווו זאָל ער זיך אהינטון?
די פעלדער גאָלדיק־גרייטע...
ליג און פויל און וואַרט
ביסט — שארית־הפּליטה!

ווו זאָל ער זיך אהינטון?
די פעלדער נאָכן שניט...
ליג און פויל און וואַרט —
שארית־הפּליטה־ייד!

ליגט יצחק פוילט און וואַרט —
די הילף א ווייט, א ווייטע!
ווער וועט דען רעטן אים?
אים — שארית־הפּליטה!

אין שלאָפלאָז־לאַנגע נעכט
יאָמערט ער און שילט:
מיין ביידל, ווער פאַרברענט
צוזאַמען מיט דער וועלט!

ברענט זי ניט דאָס ביידל,
ברענט אויך ניט דאָס שטעטל ———
אויף יצחקס לייב דער צייכן
ברענט — שארית־הפּליטה...

ראובן מאטים

# נשמהלעך

(סאנעט)

פארפרי אויף די פעלדער פארנעם איך א מאנען א שטילען פון טויעלעך
שטייבעלעך אש בעהויכטע פון זוניקן פורפור און בלוי.
אויף זוים פוי בלעטעלעך פרישע רוען ווי פערעלעך טוי;
אשעלעך קודש־קדשים פון יידישע קינדערלעך עופעלעך...

קינדער פון בלומעלעך שניער, יונגינקע שפראצעלעך ביימעלעך,
פון גאט געפורעמטע כרובימלעך, און שכינה אין כשרע אייגעלעך,
אין שלאף, פון ווארעמער בעטעלע, אין מיטן א חלום א זיסן,
האבן די ווילדע טעווטאנען פון מאמישער ברוסט אפגעריסן.

אין פייער פארברענט און פאראשט — עולות פון קעלבער און לעמער...
האט הימלען געוויין ניט צעריסן, קיין הארץ ניט צעבראכן דער יאמער.

— — — — — — — — —

בלאנדזשעז, נשמהלעך־אשעלעך, וואגלען אין שארן און שוועבן,
זוכן און מאנען א פדיון פאר יונגן פארשניטענעם לעבן...
און ווייען אריין אין באנגען דעם אומרו ווי גרויע טומאנען
און שפיגלען דעם אומקום דורך פייער און צינדן דעם מזרח אין פלאמען...

ראובן-מאטים

# פרילינג

## (1941-1944)

אין באגינען שפייט מיט פלאמען
א שווארצער האן און קרייט:
„יידן, יונג און אלט צוזאמען,
שטארבן זייט בערייט!"

קומט א שיינענדיקער מארגן — — —
בלוטיק איז זיין טראט;
אינעם מדבר ברענט א דארן,
פארבארגן האט זיך גאט...

אויף די שלאכן ליגט געשאכטן
זוניקער פארלאנג...
געוועזן א לעבן און צעבראכן;
טוט עס וועמען באנג?!

הינקט דאס היינט — א גרויע מייזל —
צוימט אונדז אפ דעם וועג;
אינעם לויער. בייזער מזל
שארפט .שוין שווערע העק...

ערשטע פרילינגס-שוואלבן קרייזן
הינטער שטאכל דראט
ברענען מענטשן אין די הייזער;
פארבארגן האט זיך גאט...

לאכט דער פרילינג אויסגעלאסן.
א לץ, אין בלומען-היט...
ליגן מתים אין די גאסן,
גיסט זיך יידיש-בלוט

באגלייטדער פרילינג מיטהייסן פיבער...
ווייס מען ווו מע גייט.
קרעמאטאריום. מאסן-גריבער.
דורשט און הונגער-טויט...

זינגט אויף וועג א גריל פאריסן
א טויטן-גרעבער ליד.
מאכט א ברכה על המיתה.
שטארבן גייט א ייד...

ליגט א זונענשטראל אויף וועגן
צעצויגן ווי א ווארעם...
שפרייט דער פרילינג אויס -געוועבן
אויף די פרישע קברים.

ראובן מאטיס

# דערמאנונג

(סאנעט. פון ציקל „פארשאלטענע טעג")

דערמאנונג, ווי פיילשארף מייז הארץ האט פארוואונדעט
ווי ראבן ווי גרויע זיך ציען די טעג;
א מחנה פון שאטנס געליימטע אויף וועג,
מיט פיס מיט פארוואונדעטע האבן געוואנדערט...

ס'האט קייטן צעריסן אין דייטשלאנד די חיה,
געפארבט אירע טריט מיט בלוט אין דעם לאנד.
פון ניעמאן ביז דונאי. איין גרויסע לויה...
שטייגט מארד ווי א פייער, רויב ווי א בראנד.

אין שטעט אין אויף וועגן דער טויט האט געלויערט,
פון ווילנע ביז קאוונע, פון ווארשע אדעס,
איין גרויסער בית־עולם, מיליאניקער מת.

געוויין און געבעט האט אין די הויכן געשטיגן;
געשיינט האט די זון, ס'האט דער הימל געשוויגן.
נאר ערגעץ האט א קראע געטרויערט...

י. גאָלדקאָהן

# לאָדזשער געטא

(פראגמענט)

איך קני פארכטיק פאר די אשיקע פליינען,
וואָס זידן, ווי נבוזראדנס בלוטיקע טייכן.
די אונטערערדישע הבל־קולות — אייערע געוויינען,
שטורמען די געטער אין די הייכן.

פארשווייגן דעם בבל־העינקערס בלוט־צעשויסטע ימען
און לייבער פון הרוגי־מלכות — מיט אייזן־קאמען צעקעמטע —
אייביק וועלן בעלמנאם שטורמיקע מזבח־פלאמען
באשפייען די זון א בלאסע, פארשעמטע.

איך קני פארכטיק פאר אשיקע מזבחות,
ווו ס׳האָבן געפלאקערט אייערע לייבער — די קרבן־עולהס,
ווו איז ער, וועמענס נאָז־לעבער קיצלען געפרעגלטע ריחות,
וועמענס אויערן לעבצן נאָז־פארבליניעטע קולות?

ס׳לעכטערט מיין שוידער מיט האָריקע בייטשן
פון עסנדיקן איש און רויך, גרימיק און בלינד,
איך פאָכע מיט בלאַנקן — יסורים־פארקרומטע קנייטשן
מיט פארוואָרפענע הענטלעך פונם קינד.

ס׳שוועבט מיין שאָטן ביי די ראנדן פון דער נאכט —
א פראגע־צייכן, טריפנדיק רויט;
דעם אויבערשאַרפירער, וואָס האָט א וועלט ארויסגעלאכט,
קרייציקן מיינע בליקן אויף א שטעכלדיקן פלויט.

איך הויער שבעהדיק אויפן דעמער־טורעם פון די צייטן —
א קראָ אן אבלדיקע קראקנדיק א פלוך,
ס׳כי־כעט בײנערדיק צווישן דורות — קברים־בייטן,
אין תכריכים־בלייכקייט מיין וואגזין רוח.

איך לויער אויף די יאָרהונדערטערס טומאה־שפּיצן —
א געוויטער־וואָלקן אָנגעלאָדן מיט צעשטערן,
ס׳ברעכט מיין אינגעווייד מיט פייערדיקע בליצן,
אויף די שוואמיקע ווענט פונם ווערן.

# דוד איינהאָרן — אב הרחמים

„דער פאָטער פון רחמים,
וואָס רוט אין די הימלען,
דערמאָנען זאָל ער
מיט זיין גרויסן רחמנות
די פרומע און גרעכטע,
די הייליקע קהילות,
וואָס האָבן דעם נפש
מוסר געווען
אויף קידוש השם״.

הייליקע ווערטער, געבאָדן אין טרערן,
ניט זאָל זיי קיין דייטשער אויער דערהערן;
ניט זאָל זיי קיין ייד אין זיין אימה פאַרנעמען,
ביי וועמען זיי קאָנען דאָס האַרץ ניט פאַרקלעמען;
און זאָל ניט קיין ייד, וואָס פאַרטיידיקט די רוצחים,
אַ טרייסט אין די הייליקע ווערטער געפינען;
נאָר פעך זאָל אים רינען, נאָר סם זאָל אים רינען
פון עקדישן, שלאַנגען און גיפטיקע שפינען,
דערפאַר, וואָס ער האָט ניט דעם אמת דעם טיפן
פון אונדזערן צוויי־טויזנט־יאָריקן שפּאַנען
אין זיין פאַראַכטונג צו זיך ניט פאַרשטאַנען,
און תמיד פאַרמינערט, ווי אונדזערע שונאים,
דאָס הייליקע ליכט, וואָס באַשטראַלט אונדזער פּנים.

אַ האַרץ, דו מיין האַרץ,
זיי פון שטאָל, זיי פון אייזן;
קאָן אָט דער וועלט
דיין פאַראַכטונג באַווייזן.
באַהאַלט דיינע טרערן
אין הייליקן לאָגל,
מיין טראָט זאָל זיין רואיק,
און ווירדיק מיין וואָגל.
געהויבן מיין קאָפּ
און דאָס אויג צו די שטערן,
אָט די גרויזאַמע וועלט
ניט צו זען, ניט צו הערן.
דעם בליק איבער איר,
ווי זי וואָלט ניט עקזיסטירן
מיט אירע פּאַלאַצן,
פאַרשלאָסענע טירן;
מיט הערצער אָן רחמים,
מיט הערצער אָן ליבע,
מיט ווילדע אינסטינקטן,
פאַרטונקלטע, טריבע
פון בלוט און פון ערד,
און פון מאַכט, און פון מאָרדן
אין רוישיקן טומל
פון חיהשע האָרדן.

אַ האַרץ, דו, מיין האַרץ,
װענד זיך אָפּ פון דעם דרויסן,
און נידער אַראָפּ אין די אייגענע טיפן.

געדענקסטו די שול אינעם שווייגן דעם גרויסן
אין אונטן שטילע ביים שיין פון נר תמיד?
דאָס ליכט פונעם טורעם וואָס האָט זיי געוואונקען
צו מיינע פאַרבלאָנדזשעטע איינזאַמע שיפן?
דאָרט קאָנסטו זיך שטעלן אַליין פאַרן עמוד,
פאַרהילט אינעם טלית ווי אונטער אַ פליגל,
אַראָפּרייסן פאַר זיך דעם הייליקן זיגל,
וואָס ליגט אויפן טויער פון אונדזערע טרערן,
אַז קיינער זאָל מערקן און קיינער זאָל הערן,
„בלויז יענע געליבטע און יענע געטרייע,
וואָס האָבן אין לעבן און טויט ניט געשיידט זיך
פון לייבן נאָך שטאַרקער, ווי אָדלערן פרייע,
געגאַנגען אין פלאַם פאַרן אייגענעם גלויבן."

אַ האַרץ, דו מיין האַרץ,
יאָ, עס גייט שוין אַריבער . . .
שוין צופיל די קברים,
צו אָפן די גריבער.
דער שטראָם פון רחמנות
גייט איבער די ברעגן,
רייסט דורך אַלע דאַמבן,
ברעכט דורך אַלע צאַמען
און שטראָמט, ווי אַן אויל
אויפן פלאַם פון נקמה.
ניין, ניט קיין בעטן,
ניין, ניט קיין פרעגן —
אַ געשריי צו דעם ריכטער
פון אַלע פיר וועגן.
ניין, ניט קיין וויינען,
און אויך ניט קיין קלאָגן —
עס איז אַ דערמאָנונג:
„צו וואָס זאָלן זאָגן
די גויים מיט חוזק,
געלעכטער און שפּאָט,
וואו איז אייער שופט,
וואו איז אייער גאָט?"

פון בוך „העברעאישע פּאָעזיע"
(אַנטאָלאָגיע)

# בנימין בן זרח — איך שווייג...

איך שווייג און האַלט זיך איין, דאָס האַרץ – ווי אָפּגעשטאָרבן
בעת איך זע, ווי מיינע שונאים מערן מיינע פּלאָגן;
כ'האָב אויף מיין מויל געלייגט אַ שלאָס, ס'זאָל שטומען, שווייגן —
נאָר ס'האַרץ. דאָס האַרץ אין מיר טוט ביטער קלאָגן:

די האַנט פון דעם באַדריקער האָט זיך שווער געלייגט אויף מיר,
ס'רייסט מיך גליך, פאַר גליד און פליקט דער שלעגער:
כ'ווער ווי אַ פגר אַ צעטראַטענער ארומגעשליידערט —
און נאַכט אין נאַכט ווערט ניט פון טרערן מיין יעלעגער:

האָסט מיך געמאַכט ווי זאַמד, וואָס יעדער איינער טרעט אים,
מיין גוף — צעקיילט־צעביילט און אויסגעפליקט די באַקן:
איך קוק אויף רעכטס, אויף לינקס, און קיינער קומט צוהילף ניש־ט —
ס'וואַקלען זיך די קני און ס'ברענט מיין נאַרי:

איך טראַכט און טראַכט און ס'ווערט מיין האַרץ מיט בלוט פאַרלאָפן;
זיי זיינען איינגעפלאַנצט און ס'נעמט זיי קיין געוויטער
און איך ווער אומגעגאָסן פון איין כלי אין דער צווייטער —
איך האָב געהאָפט אויף פּדיון אַון צום סוף - איז ביטער:

איך זינק און טרינק זיך אין יעם זומפּ, צעביסן און צעריסן,
פאַרלאָזן אויף מיין היים, צעשפּאָלטן און צענומען:
דער לייב און בער, זיי האָבן מיך אין פינסטערניש געטראָפן —
אין פייער און אין וואַסער זיינען מיר געקומען:

צו גרויס די שאַנד און דער פאַרברעכן אין זיך צו דערשטיקן,
צו גרויס דער ווייטיק און דער פייערדיקער צאָרן:
מיין נחלה איז פאַרברענט, פאַרטריקנט און פאַרח'רובט —
די שטעט אָן איינוווינער, די ערד איז וויסט געוואָרן:

יידיש י. י. שוואַרץ

# בענטשן זאָל גאָט

### פון י. י. העלער

מאָנט ניט מיין ליד,
ווען די האַרץ פילט זיך מיד.
הערט! מען פייניגט שוין ווידער,
מיין ברודער — איד!

און ניט מער זיין שונא —
נאָר פאַלשע פריינד,
האָגלען מיט קוילן,
פאַרפאָלגן אים היינט...

גערינגעלט, גערינגעלט
אין אייזערנע שטאַנגען,
ווי אַ חיה, אַ ווילדע,
פון אַ יעגער געפאַנגען.

די יונגע, די אַלטע,
און קינד ערשט געבוירן,
אין שיפן פאַרפאַקט,
און ווייטער געפאָרן.

רעגיאָנען אַראַבער,
אין ירושליש געבראַכט,
צו פייניגן יידן,
דורך טאָג און דורך נאַכט.

אין פלאַמען זיין הײם
צעשטערט ווערט זיין לאַנד —
היטלער איז ניטאָ מער —
איז דאָ נאָר — ענגלאַנד.

אָ ענגלאַנד, אָ ענגלאַנד —
מיט דיינע רייכע טראַדיציעס,
ווי קומען צו דיר נאָר, —
היטלער׳ס אַמביציעס! —

די זון וואָס קיינמאָל פאַרגייט ניט,
אויף דיין גרויסער לאַנד,
מוז רויטלען דיין פּנים —
אין פלאַמען פון שאַנד.

אפשר אַ תּפילה
צום אַלמעכטיקן האַר
וועט ברענגען אַ רעטונג,
אין דער שעה פון געפאַר?...

מאָנט ניט מיין ליד —
די האַרץ פילט זיך מיד.
מען פייניגט שוין ווידער,
מיין ברודער איד.

איך קען מער ניט זינגען,
ניט שרייבן קיין לידער,
ווען מען רודפ׳ט און טײַגט,
מיינע אָרעמע ברידער —

איך קען אויך ניט וויינען,
איך האָב מער ניט קיין טרער —
איך! — בענטשן זאָל גאָט —
דיין האַנט מיט געווער!...

## אברהם זאַק

# דער איינציקער קבר

טאַטע, מאַמע, ביזט דער איינציקער אין דער משפחה,
וואָס כ׳ווייס דיין אָרט, דיין אייביק בערגעלע, דיין שטיין . . .
ווי אַלע מיינע קדושים ? ווי זשע זייער מאַסן־קבר;
ווי זייער אַש צעוואָרפן ? ווי זייער געביין . . .

ווי האָט אויף זיי פאַרמאָסטן זיך די האַק פון ברוינעם תליון ?
ווי האָט צעפּערטלט זייער לייב רוצחס שווערד ?
ווי האָבן זיי געזען צום לעצטן מאָל דעם בלויען הימל ?
ווי האָט פאַרשלינגען זיי די גלייכגילטיקע ערד . . .

כ׳וויל גיין אַהין צו יענע קופּעס אַש דאָרט אין מײַדאַנעק,
אַ הויפן אַש כ׳וועל נעמען: — מאַמע, דאָס ביזטו !
דאָס ביזטו, פרוי ! דאָס ביזטו, איינציק קינד ! דאָס ביזטו שוועסטער ! — —
און ברענגען וועל איך אַט דאָס אַש צו קבר־רו . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

טאַטע, מאַמע, ס׳איז באַשערט געווען דיר שטאַרבן פריער,
נאָך איידער אָנגעקומען איז תלינים־צייט . . .
דיין קבר איז דער איינציקער, וואָס איז מיר איצט געבליבן,
ביים גרינעם ברעג, ווי ניעמאַן טראָגט די טרערן־ווייט — — —

דרום־אוראַל 1944.

אַברהם לעוו

# אומעטום וועט יידיש לעבן אויפגיין און גערייען!

מיין ליד, מיין ליד,
נישט ווערן זאָלסטו מיד
צו אויפרופן און וועקן
צו מונטערן און היילן
א יעדער ייד
א וו ער זאָל נישט זיין, אין וועלכע עקן
פון דער וועלט, אין וועלכע טיילן

מיין ליד, מיין ליד,
נישט ווערן זאָלסטו מיד;
זיך נישט דערשרעקן —
פאר די וואָס פאלן אָן אויף דיינע קלאָרע רייד.
פאר די וואָס זען אומקום טויט
אין יעדער לאַנד.
פאר די וואָס דראָען מיט אַ שווארצע האַנט.
אַ נייער מבול גייט!...

מיין ליד, מיין ליד,
וואָס רייסט זיך פון דער טיף פון מיין געמיט, —
דו שיק ארויס דיין גרוס
צו אלע יידן
אין יעדער לאַנד
געבענטשט זאָל זייער טריט דער מידער
זיין א וו ער איז,
א וו ער שפאַנט.
א וו ער שלאָגט נאַר וואָרצלען, אין דער טיף
און וויל פונדאָסניי אויפהויבן זיך ווידער
דו בענטש מיין ליד, דו בענטש די מידע טריט
פון אויפגעוועקטע ברידער
וואָס טוען זיך באַנייען,
ווייל אומעטום וועט יידיש לעבן אויפגיין און גערייען
און מיט זיי דו ליד.

גבעת השלשה, ערשטער מאי פון 1947

**ס. טאובע**

# אויף קבר־אבות

אַמאָל... ווען דער טאָג האָט פֿאַרענדיקט זיך באָדן
און די ווייסל האָט קילער געלעקט שוין דאָס זאַמד,
פֿלעגט ארויס פֿונם פּארק א ווייך־זיידענער שאָטן
און שטילקייט צעהענגען מיט ציטריקער האַנט.

האָט די ערד זיך געפֿוילט אין פֿאַרנאַכטיק דרימל
צו הערן א ווייטן וואָקזאַלענעם פּייף
און ראָזעווע שפּפסן אויף לאַנקע פֿון הימל
געלעקט האָבן ס׳פֿייער פֿון זוניקן רייף.

פֿאַרטייעטע האָזן אין דופטיקע גראָזן,
אויף שפּיצן פֿון וואַנצעס ליגט שרעק פֿאר א שאָרך,
דין־זילבערנער שפּינוועבס, צעשוועבט און צעבלאָזן,
בלייבט הענגען אויף דעמבעס באַדעקטע מיט מאָך.

מיט קעצישע טריט, ווי אויף לאַפּעס פֿון סאַמעט
פֿאַרגנבעט זיך אָוונט פֿון יענעם ברעג טייך
און מישנדיק ס׳בלאָע און גראָע צוזאַמען
צעשיינט ער זיך, פּלוצים לבנהדיק־בלייך.

---

היינט... שעכט דער לבנהס געבוירענער חליף
אומשולדיקע וואַלקנס אין בלייערנעם ליכט
און ס׳גלאָצט פֿון געשענדעטן הימלישן טלית
מיט אויגן פֿארגלייזטע מיין מאַמעס געזיכט.

וואַרשע, דעצעמבער 1945.

פ. דרורי.

# אונטער-גליענדן אש...

זיי האָבן די וועלט פאַרפלעקט און פאַרוווּנדעט
און ס׳גוססט מיין יום-טוב אין וואָכיקן בלוט
פאַרשטעלט האָבן ווענט מיינע זוניקע רוימען
דער חלום פאַרצוימט איז מיט שטעכיקן דראָט.

די נאַכט איז נישט שוואַרץ מער — אַ שטילקייט אַ בלאַסע
אין די שטומע פאַרנאַכטן שפּיגלען גרויע זיך טעג
מענטשן בלאָנדזשען אָן פליגל, אָן לידער
ווי בלעטלעך פאַרגעלטע אויף בלאָטיקן וועג.

איז מיין אומעט דער יאוש אָדער גאָר זייער טאַנץ?..
דער געלעכטער איז ווייטיק, אָן טרערן-געוויין
די שכינה אַוועק, דער חטא האָט קיין גלאַנץ נישט
צו אַלט — די כוהנים, דער טעמפּל — צו קליין.

אין דער טיפקייט פון האַרץ ראַנגלען זיך שטורעמס
אַמאָל אויך אַ תפילה אונטער גליענדן אַש
כ׳וויל אַרויס און צוצינדן פאַרשלאָפענע טורעמס
מיט מיין שטילינקער תפילה לעשן דעם דעש.

און אויב אונזער פאָן איז קנייטשיק געוואָרן
און דער הימן איז געבליבן שרייענדיק-פּוסט
וועל איך וואַשן די פלעקן מיט היילנדע טרערן
און זאַמלען די שטראַלן פון הייפעלעך מיסט.

ווייל וואָס איז מיין לעבן, אָן ליכט און אָן קלאַנגען
אָן אַ מאָרגן אַ פרישן, וואָס הויבט זיך ערשט אָן
כ׳וויל גלויבן און ליידן צו הימלען דערלאַנגען
און שטאַרבן מיט די אויגן צו אַ פלאַטערנדער פאָן.

**משה שולשטיין**

# זיינען דאָס מיינע, הענט?...

איך באַקוק מיינע הענט און איך טראַכט,
און איך טו זיך אַ פרעג און אַ וואונדער:
זיינען דאָס, זיינען דאָס מיינע הענט?
זיינען דאָס יענע צוויי פון רמ״ח,
וואָס געטאַקט האָט זיי גאָט און געפורעמט
נאָך צו אדם הראשון דעם שטאָג?
זיינען דאָס, זיינען דאָס מיינע הענט
אויך ווי יענע, וואָס האָבן געקאָנט
זיך שפּילן מיט קינדער־יסורים
און זויגלינגען וואַרפן אין פלאַם,
און וואַרפן צו שפּיז און צו וואַנט,
און וואַרפן אין גרוב פאַר די אויגן
פון טאָג, פון דער זון און פון פויגל, —
זיינען דאָס, זיינען דאָס מיינע הענט?

כ׳וועק די זון, ווי דעם אל־העכסטן גלאָק,
און איך פרעג ביי דער שיין פונם טאָג,
און איך פרעג ביים געוויקס אינם פעלד,
און ביי אַלץ און ביי אַלץ טו איך פרעגן:
זיינען דאָס מיינע הענט, ווו איך זוך
פון גזילה און בלוט דעם גערוך,
צי זיי זיינען באַהאָרט און באַפעלט
און מיט גיפט פון פאַרציקונג באַנעגלט? —
קאָנען דאָס מיינע הענט טאַקע זיין
פון דער זעלביקער הויט און פון ביין,
וואָס זיי שליידערן קינדער צום פלאַם,
צו דער האַק, צו דער שפּיז און צום סם!

זיינען דאָס, זיינען דאָס מיינע הענט
אויך ווי יענע — פון אדם הראשון,
אויך פון זעלביקן ביין און פון הויט,
די, וואָס קאָנען באַרירן קלאַווישן
און שניידן בנעימות דאָס ברויט
און נעמען דעם לעפל צום צונג
און אָנטאָן דעם חתונה־רינג?

זיינען דאָס, זיינען דאָס מיינע הענט —
שיק איך זיי צו דעם גרוב פון געוויין,
וואַרף זיי דאָרטן פאַרשעמטע אַריין
אין דעם אָפענעם גרוב פון יסורים
און פון הענט, און פון הענט, און פון הענט,
וואָס געטאַקט האָט זיי גאָט און געפורעמט,
וואָס געטאַקט האָט זיי גאָט און געשענדט.

און פון דאָרטן זאָל גיין זייער פרעגן,
ווי אַ טענה געשטרעקט און געוואונדן:
זיינען דאָס, זיינען דאָס מיינע הענט?

# על־חטא

פון יודל פעקער

על חטא—מיין נישטיגקייט וואָס האָט דעם טויט־פחד ניט אויסגעהאַלטען.
איך האָב מיין לייב אַוועקגע׳גנב׳עט פון די גריבער.
איך האָב זיך פאַר׳ן שאַרף פון חלף אין אַ לאָך באַהאַלטען,
ביז דער טויט איז איבער מיר אַריבער.

פאַרלאָז איך שפּעט מיין נע־ונד געלעגער,
שייער זיך אַדורך דורך דראָט־פאַרצאַמונגען און פּלויטען,
ווי אַ חיה אַ געׄרודפ׳טע פון אירע יעגער
גנב׳ע איך זיך דורך די חורבות צו די טויטע.

אויסגעצויגען און פאַרבראָכען אין אַ דלד׳יגער שורה
ליגט דער ריזיג־גרויסער ברידער־קבר.
אַ גאַנצע קהילה קדושה איז געקומען דאָ צו קבורה,—
איך בלויז שלעפּ זיך אויבען ווי אַן אָפּגעשניטענער אבר.

ליגט די עדה אין פאַרבלוטיגטען געקלעם,
אין געפלעכט פון אָפּגעריסענע גלידער.
דער רב אב״ד מיט בעלי־בתים אויף קידוש השם,
טאַטעס, מאַמעס,־ זויג־קינדער, שוועסטער, ברידער.

קוקט אויף מיר דעם רב׳ס אָפּגעריסענער שאַרבען
שטרענג און ברוגז׳דיג:—דו, פּורש מן הצבור!
אַ איד—צי ווייסטו ניט?—אַ איד דאַרף קאָנען שטאַרבען.
ביזט אַנטלאָפען—וועל איך דיך נאָכלויפען דורך אַלע גריבער.

—רבי,—שטעלט זיך איין פאַר מיר אַ איד אַ פאַרבלוטיגטער, אַ הויכער,—
אַ אינגעל נאָך, אַ שוואַכער; דעם נסיון ניט בייגעשטאַנען.
—רבי,—בעט ער זיך,—זייט אים מוחל,
בשוגג האָט ער עס מסתּמא ניט פאַרשטאַנען.

און ווייטער רעדט דער איד צום ברוגז׳ן אב״ד:
—אַ רגע נאָר האָט ער זיך אויסבאַהאַלטען פאַר׳ן מעסער:
זיין לעבען לאַנג וועט ער זיך פּייניגען אין נע־ונד,
זיין עונש איז פיל גרויזאַמער און גרעסער.

אָ מיר—מיר האָבען מיטגענומען אַלץ וואָס מיר האָבען,
איז די איינציגע נחמה אונזערע אין שטראָף:
מיט אונז צוזאַמען ליגט משיח דאָ באַגראָבען—
די האָפענונג אויף גערעכטיגקייט—דער חלום פון די שאָף.

מיר האָבען דורות־לאַנג געבלוטיגט און געדולדיג
דעם אויסגע׳חלומ׳טען „וגר זאב עם כבש" אָפּגעוואַרט,
און ניט די פרעמדע וועלט אין אונזער אומגליק איז איצט שולדיג,
נאָר מיר, ווי קינדער גרויסע, האָבען זיך אַליין גענאַרט.

וואָס טויג דער שעפּס, וואָס האָט געשוואָרען פייערלעך אויף בעלי־חיים,
פון נעגעל און פון ציין זיך אָפּגעזאָגט גרויסמוטיג?—
פאַרשווינדען וועלען שוין דער סטאַדע׳ס עלענטע שיריים,
און ער, דער וואַלד, וועט אַלץ נאָך רוישען גיריג, בלוטיג.

און ווען דער שונא האָט די היימען אונזערע געצונדען,
אין פייער־רינג מיט ווייב און קינד צום גרוב פאַרטריבען,—
האָט אונז שוין גאָרנישט מער צום לעבען צוגעבונדען,
פאַר אונזערטוועגען איז שוין גאָרנישט דאָ פאַרבליבען.

ווי־זשע וועלען זיי, די אַנטרונענע, די ניט־דערקוילעטע יחידים,
די צייך און בעגעללאָזע וועגעטאַריער,
אַרומטאַנצען אויף די בלוט־באַטרונקענע ירידים,
פּאַיאַצען לעסטיגע, הייליגע נביאים, פּראָלעטאַריער?

מטורף־דאָרניגע, פאַרוואונדעטע פּראָפעטען,
געשענדעטע אין שוימיג־שיכור׳ן געלעכטער,
בעטלער־געסט ביי פרעמדע טישען אומגעבעטען—
דער גורל פון אַ פאָלק, פון זיינע לעצטע זין און טעכטער.

אַ פאָלק וואָס האָט זיין עלטער אין גרוב מיט שאַנד אַראָפּגעפירט,
ווערעמדיג אַריבערלעבען אַלץ—ערגערס האָבען גאָר ניט צוגעטראַכט די
שונאים.

---

געבויגען אונטער דעם יסורים׳דיגען האָגעל און צעגלידערט—
אַן איינגעבראָכענער געפאַלען בין איך אויפ׳ן פנים.

א. יאַכימאָוויטש

# אין לאַנד פון גריס גאָט

איז אין דער שטאָט פון מאָנאַכן
געקומען אַ שוואַרצער סאַנקילאָט,
האָט מען אים מיט פאַראַד – וואַכן
באַגריסט, פרום געענטפערט: גריס גאָט!
האָט ער מיט רייד געמון אַ וואַרף:
– דער ייד מאַכט אונדז צו שאַנד און שפּאָט!
האָבן זיך אויגן צעבליצט שאַרף,
שנאהדיק, געמורמלט – „העלף גאָט!"
האָט ער „זיי" פאַרזאַמלט אין היל
איבערגעבן זיין רויבער סוד,
האָבן אַלע געיובלט „הייל"
פאַרשטומט געוואָרן דער גריס־גאָט...
האָט ער געקנעלט מיט די „הייל־אַיסטן",
אַז יעדער קריגט זיין חלק זיין טייל,
אויב ער וועט העלפן יידן פאַרוויסטן –
האָבן „זיי" געשריגן – „זיג"! „הייל"!
איז בעגאַן אַ טאַנץ אַ נייער,
אַ מין ווילדער שדים־קאַראַהאָד,
פון האַזיקענרייי טומל שרייער:
– ס'איז דער פירער באַפרייער! גאָט!
איז דער צלם־קרייץ פאַרשוונדן,
האָט מען האַקן־קרייץ צעהאָנגען.
גייט סטאַדע בלינד נאָכן „בלינדן"
ס'האָט זיין „צויבער" זיי געפאַנגען...
אַז באַרג אַראָפּ ר'איז געפאַלן
און אינעם טאָל זיי מיטגעצויגן,
האָבן די גיריקע שאַקאַלן
פון פחד פאַרמאַכט די אויגן...
נישט צו פילן דעם טיפן תהום
און ווי אָפּגעצויגן ס'האָט זיך ס'גענאָד...
דערזען האָט יעדער אַ וואַלד בוים
ווי ער הויבט זיך אויף עשאַפאָט...
געוואָרפן האַקן־קרייץ אויף שוט
און צוריק באַנייט „קריסטלעך געבאָט" –
צו פאַרווישן פאַרגאָסן בלוט,
פרעפלט מען ווידער פרום – גריס גאָט...

שלמה פראנק

# געטא

## (פראַגמענט)

פארוויסט ליגט די שטאט
א נאקעטע ביז צו די לענדן,
ווי אין א גרוב א ליימיקער
אן איבערגעקערטער וואגן.
ווי זעט מען א מענטשן
וואס זאל קומען עפעס מאנען,
ווי זעט מען א מענטשן
וואס זאל קומען עפעס זאגן.

פארזונקן ליגט די שטאט
איינגעהילט
אין ווי און אין ווינד,
נישט קיין קרעכץ
פון עפעס א באשעפעניש
נישט קיין קרעכץ פון א קינד,
אָ, עפן דיין אלט ספר
און רוף דעם אלמעכטיקן.

איך באגער מיט א תפילה
צו דיר אלמעכטיקער
און הויב מיינע אויסגעדארטע הענט,
זאל די וועלט די גרויסע
פארנעמען מיין געבעט,
זאל די וועלט
נישט מער זיין
צו מיר פרעמד.